STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04588

EYBIK OPGENARTE

D. L. Rabinowitz

Permanent preservation of this book was made possible
by Ben & Sarah Torchinsky
in memory of
"Yosl" Mlotek, a good friend and excellent teacher from long ago

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אייביק אָפּגענאַרטע

ד. ל. ראַבינאָוויטש

אייביק אָפּגענאַרטע

(דראַמע אין דריי אַקטן)

וועגן דעם אידישן לעגיאָן אין ארץ ישראל
בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ניו - יאָרק
1946

Copyright 1946 *by*
D. RABINOWITZ
New York, N. Y.

PRINTED IN U. S. A. BY:
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
23 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.

פּערזאָנען:

ר׳ גדליה ראָזענבלאַט.........................אייגנטימער פון מיל

דבורה..זיין פרוי

באָריס..זייער זון

ר׳ גרשון אבראַמאָוויטש..................א גוטער פריינט זייערער

ראָזע..ר׳ גרשונ׳ס טאָכטער

ר׳ זלמן..א שדכן

הערדי..ר׳ זלמנ׳ס זון

אסתר,
רובי,
סיידי,
....באָריסעס פריינט

פּראַסינאַ.......................................א דינסט

פּריסטאַוו

דעניעלס
בנעיר
דזשאָזעף
דזשייקאָבס
איסאַק
......................................לעגיאָנערן

ד״ר לעווין
מיס בלומענטאַל, נוירס
.... אין מיליטערישן שפּיטאַל

ערשטער אַקט

פּערזאָנען:

ר׳ גדליה ראָזענבלאַט

דבורה

באָרים

ר׳ גרשון אבראמאָוויטש

ראָזע

ר׳ זלמן

פּריסטאַוו

פּראַסינע

פּלאַץ פון האַנדלונג

אין א שטעטל אין דער אוקראַינע, אונטער ניקאָלאַי דעם צווייטן (און לעצטן).

א שיין באַפּוצטער זאַל מיט פענצטער וואָס קוקן ארויס אין א גערדיכטן סאָד.

דבורה פּאָרעט זיך ביים טיש, גלעט אוים דאָס טישטוך, שטעלט אַוועק טיי־גלעזער. פּראַסינע טראָגט אריין דעם סאַמאָוואר שטעלט אים אַרויף אויף א טאַץ אין מיטן טיש, שפּיגלט זיך אין אים.

פראַסינע (שײַנט פון שמחה): זעט באַלעבאָסטע, ווי שײַן איך האָב הײַנט אָפּגעפּוצט דעם סאַמאָוואַר. ער פֿינקלט ווי גאָלד — זאָל זיך פֿילן יום־טובֿ׳דיק אין הויז.

דבורה (אויפֿגעלייגט): מיט אַזעלכע געסט, ווי מיר האָבן הײַנט, פֿילט זיך שוין גאָר יום־טובֿ׳דיק.

פראַסינע (העלפֿנדיק דבורה׳ן גרייטן דעם טיש): ראָזע איז אַזאַ שײנע באַרישניע. מיר דוכט זיך, אַז אויף דער גאַנצער שטאָט איז נישטאָ איר גלײַכן.

דבורה (שמייכלט): זי געפֿעלט דיר, פראַסינע א שײנע מיידל ראָזע, האַ?

פראַסינע (באַגײַסטערט): יאָ, זי איז זייער א שײנע מיידל, באַלע־באָסטע. איך האָב זי דאָ פֿריער געזען זיצן אין סאָד, מיט באָריס׳ן. ער האָט עפּעס געלעזן, און זי, ראָזע האָט זיך צוגעהערט מיט אַ טיפֿן אינטערעס. (לאַכט) כ׳לעבן באַלעבאָסטע, סע וואָלט זײַן אַ טײַערער שידוך צווישן באָריסן מיט ראָזען.

דבורה (גוטמוטיק): גוט, גוט, פראַסינע, גענוג צו פּלאַפּלען. גיי בעסער אַרויס אין סאָד און רײַס אָן פֿרישע פּרוכט פֿאַר די געסט.

(פראַסינע גייט אָפּ. דבורה מאַכט נאָך אָרדנונג בײַם טיש. סע קומען אַרײַן ר׳ גדליה און ר׳ גרשון).

(ר׳ גדליה עפֿנט אויף אַ פֿענצטער, וואָס גייט אַרויס אין סאָד. ר׳ גרשון בלײַבט שטיין באַם אַרײַנגאַנג, באַקוקט דעם זאַל).

דבורה (אויפֿגעלייגט): ווי געפֿעלט אײַך אונדזער נײַע הויז ר׳ גרשון? דאַכט זיך, אַז מיר האָבן זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן...

ר׳ גרשון (א צופֿרידענער, נאָכדענקענד): איך דענק, אַז דאָס הויז איז די שענסטע אין שטאָט. איבערהויפּט געפֿעלט מיר, וואָס עס שטייט, כמעט ווי אָפּגעטיילט פֿון שטאָט.

דבורה: ר׳ גרשון, האָט איר שוין געזען אונדזער שײנעם סאָד?

ר׳ גרשון: אַזאַ פֿאַרגעניגן קאָן מען זיך בלויז פֿאַרגינען, ווען די הויז שטייט אויסערן שטאָט. (לאָזט זיך ארום שפּאַצירן איבערן זאַל).

ר׳ גדליה (שטייט די גאַנצע צייט ביים פענצטער, קוקט דורך דער געדיכטקייט פון די בוימער, קערט אום דעם קאָפּ פון פענצטער):
א סך פון די בוימער וועלן ליידער מוזן אויסגעהאַקט ווערן, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר דער מיל, לויט דעם פּלאַן.

ר׳ גרשון (פאַרטראַכט): דער פּלאַן איז מסתמא א גוטער, אָבער מיך באַאומרואיקט וואס אונטער די איצטיקע באַדינגונגען אין לאַנד פאַר אידן, דאַרף מען זיין זייער פאָרזיכטיק מיט נייע אונטערנעמונגען.

ר׳ גדליה: און ווען זיינען דען די באַדינגונגען געווען גינסטיקערע פאַר אידן? (פאַרטראַכט) ווי ווייט איך געדיינק, איז מיין יעדע אונטער־נעמונג דורכגעפירט געוואָרן מיט די גרעסטע מסירת נפש...

ר׳ גרשון: איך האָב זייער מורא, אַז ווי נאָר מען וועט זיך דער־וויסן, אַז דו ווילסט איבערשטעלן די מיל נענטער צו דער שטאָט, וועט שוין קיין מסירות ניט פעלן, און צו די איצטיקע גזירות אויף אידי׳שע מסחרים פעלט מער ניט, נאָר מסירות...

ר׳ גדליה: אָט טאַקע דערפאַר בין איך געצוואונגען איבערצופירן די מיל נענטער צו דער שטאָט — ווייל, ווי לאַנג נאָך וועל איך קאָנען אויסקומען מיט דער העכערער פּאָליציי, וואס לאָזט זיך אפילו פאַר כשר׳ע געשעפטן, אויך גאַנץ טייער באַצאָלן.

ר׳ גרשון: די מיל שטייט שוין דאָרט אַזאַ לאַנגע צייט און קיינער טשעפּעט דיך ניט. (נאָכדענקענד) — גדליה, איך האָב זייער מורא פאַר שלעכטע פאָלגן — זיי פאָרזיכטיק!...

דבורה (גיסט אָן טיי): נו, בעלי בתים, איר זיינט געבעטן צום טיש טרינקען טיי.

ר׳ גדליה און ר׳ גרשון פאַרנעמען זייערע פּלעצער ביים טיש.
דבורה סערווירט וואַרעני און אַנדערע נאַשערייען.

דבורה: נו, ר׳ גרשון, לאָזט זיך ניט בעטן. (זי זעצט זיך אַוועק נעבען גדליה׳ן).

ר׳ גדליה: (פאַרזאָרגט) מיט וואס בין איך זיכער, אַז סע ליגט שוין ניט עפּעס אַ מסירה אויף מיר אין די הויכע פענצטער? און אַז מיר דערוואַרטעט ניט דאָס ערגסטע. איך דענק, אַז, וואס גיכער איך וועל אַריבערפירען די מיל צו דער שטאָט, אַלץ זיכערער וועט זיין. קיינער אין שטאָט, גלויב איך, וועט ניט האָבן קיין פּריטענזיעס, ווען די מיל וועט זיין געבויט נאָך אונזער פּלאַן נאָך.

(ער נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר פון בוזעם־קעשענע, עפנט אים פאַנאַנדער, קוקט זיך איין, גיט דעם פּאַפּיר צו ר׳ גרשונ׳ען).

ר׳ גרשון: (קוקט זיך איין פּאַראינטערעסירט) דאָס האָט באַריס געמאַכט דעם פּלאַן? אויסגעצייכנט! (פאַרטראַכט) פאַרוואָס שיקסטו אים ניט אין אוניווערזיטעט שטודירן אויף אינזשעניר? איך בין זיכער, אַז באַריס וואָלט אַלס אינזשעניר, געמאַכט דעם גרעסטען ערפאָלג.

ר׳ גדליה: איך האָב ניט דאַגעגן, אַז באַריס זאָל לערנען צו ווערן אַ אינזשעניר. (שפּאָטיש) אָבער מיך שרעקט וואָס אַלס סטודענט, וועט ער מוזן טראָגן אַ מונדיר מיט געלע קנעפּ — ווערן אַ גאַנצער סטודענט און אין איין וועגס — אַ האַלבער גוי...

ר׳ גרשון (לאַכט גוטמוטיק): ווען מען טראָגט אַ מונדיר ווערט מען נאָך ניט קיין גוי...

ר׳ גדליה: (סאַרקאַסטיש) אָבער אויך ניט קיין איד.

דבורה: מיין גדליה האָט עפּעס מורא פאַר אַ מונדיר, גלייך, ווי דער מונדיר וואָלט עמיצן אַפּגעשמד׳ט...

ר׳ גדליה: אין זייער אַ סך פאַלן האָט ליידער דער מונדיר — דאַכט זיך אַ גאַנץ אומשולדיקער בגד — געפירט אידן צו שמד. און בלויז מיט אַ קליינער אויסנאַמע האָט דער מונדיר די, וואָס האָבן אים נאָר אָנגעטאָן, אַפּגעפרעמדט פון אידענטום...

ר׳ גרשון: אַך, נאַרישקייטן. שטודיום שטערט קיינעם ניט צו זיין אַ איד. אַט ווי איר זעט האָב איך קיין מורא ניט פאַר מיין ראָזען, און כאָטש זי לערנט זיך אין גימנאַזיע, וועט זי בלייבן אַ אידיש קינד גלייך מיט אַלע אידישע טעכטער.

ר׳ גדליה: (שמייכלט) אויף אַזאַ אידישקייט קאָן מען ווייניק וואָס בויען.

ר׳ גרשון: און איך בין זיכער, אַז מיין ראָזע וועט פירן איר הויז ניט ווייניקער אידיש, ווי אייערע היגע אידישע טעכטער.

ר׳ גדליה: אויך אויף אונזערע טעכטער פון די קלענערע שטעט, קאָנט איר זיך שוין גאַנץ ווייניק פאַרלאָזן אויף זייער אידישקייט...

דבורה: מיין גדליה האָט אַלץ טענות צו די יונגע, וואָס זיינען ניט פרום געגנוג — ניט געפערליך. זיי וועלן עלטער ווערן, וועלן זיי פרומער ווערן...

ר׳ זלמן: (סע קומט אַריין ר׳ זלמן, גריסט זיך צו אַלעמען) **גוט העלף!**

(אַלע ענטפערן מיט פרייד): **גוט יאָר ר׳ זלמן.**

ר׳ זלמן (אין אַ פריילעכער שטימונג): **יאָ, איך האָב אַ לעבע־דיקע שוויגער אין „גן עדן״...** (ער נעמט אַ שטול, טראָגט צו צום טיש) און איך, ר׳ גרשון, קומט אַ ברייטן „**שלום־עליכם**״, **שוין אַ שטיק צייט איך ניט געזען.** (דערלאַנגט אים די האַנט זעצט זיך ביים טיש).

ר׳ גדליה (פריילעך): **אָט אַזוי זלמן, האָב איך ליב — ניט גע־וואָרט ביז מען וועט בעטן.**

ר׳ זלמן: **שיין וואָלט איך אויסגעזען, ווען איך וואָלט וואַרטן ביז מען זאָל מיך בעטן. איך וואָלט קיינמאָל צו גאָט ניט געקומען —** (צו דבורה׳ן) **און וואָס מאַכט איר עפּעס, דבורה לעבן?**

דבורה: (שפּאַסענד) **אָט, ר׳ זלמן, מען מאַכט, וואָס סע מאַכט זיך. אמאָל מאַכט מע טיי מיט לימענע, און אַמאָל טיי מיט איינגעמאַכץ...** (אַלע לאַכן, דבורה רופט פראַסינען) **פראַסינע; ברענג אַריין נאָך אַ גלאָז מיט אַ שאָל.**

ר׳ זלמן: **און מיין ווייב מאַכט טיי אָן לימענע, און אָן איינגעמאַכץ. און זייער אָפט אויך אָן צוקער — דערפאַר לאָז איך איר מאָנטאָג ניט קיין געלט אויף ברויט, און דאָנערשטאָג ניט אויף קיין חלה...**

(פראַסינע טראָגט אַריין אַ גלאָז מיט אַ שאָל, דבורה צאַפּט אָן טיי פאַר ר׳ זלמנ׳ען).

דבורה: **און קיילע זאָגט איך גאָר ניט, ווען איר גיט איר ניט אויף הויז הוצאות?**

ר׳ זלמן: **זאָגן זאָגט זי מיר שוין גאָר אַ סך. און אַלס צוגאָב, גיט זי מיר עסן קרענק און פאַרטרינקען מיט וואַסער.** (טרויעריק, זיפצט) **יאָ, וואַסער זשאַלוועט זי ניט.** (ער קריגט אַ פריילעכע שטימונג) **דאָס קאָסט קיין געלט ניט. איך ברענג אַליין פון קרעניצע וויפיל מע באַדאַרף...**

ר׳ גרשון: (אויפגעלייגט) **זלמן, דו ביזט נאָך אַלץ דער זעלבער פריילעכער קבצן...**

ר׳ זלמן: (לאַכט) היינט ר׳ גרשון, לאָך איך זיך אויס פונעם קבצן...

ר׳ גרשון: וואָסזשע האָסט עפּעס געקראָגן אַ גרויסן פאַרדינסט? רייך געוואָרן?

ר׳ זלמן: אַלץ הייסט רייך?...

ר׳ גדליה (לאַכט) אַזוי פּאַסירן נאָך נסים, און איבער נאַכט ווערן מענטשן רייך

דבורה: (נאַאיוו) ווירקלעך, ר׳ זלמן, איר זיינט געוואָרן רייך?

ר׳ זלמן: (לאַכט) זייער רייך... געוואָרן כמעט אַ שותף צום היגן לאַמבאַרד. (ער ציט לאַנגזאַם די ווערטער) דאָס לעצטע שטיקל זילבער פון הויז, גאָט צו דאַנקען, שוין פאַרזעצט. (ער לאַכט ביטער־לעך) (טרינקט זיין טיי).

(אַלע בלייבן זיצן אין אַ באַדריקטער שטימונג)

ר׳ גרשון: (נאָך אַ קורצער שטילקייט) מאַכן זיך דיר גאָר ניט קיין רייכע שדוכים ביי וועלכע דו זאָלסט קאָנען כאַפּן אַ היפּש שדכנות?

ר׳ זלמן: (זיפצט, רעדט געלאַסן) יאָ, יאָ, היינט זיינען אַנדערע יאָרן. איידער די יונגע חברה וואַקסן אויס גרויס געוואָרן, ווערן זיי שוין זייערע אייגענע שדכנים...

(פון סאָד לאָזט זיך הערן דאָס אָנקומען פון באָריסן מיט ראָזען,ביידע זינגען)

אויף אַ ליכט־שטראַל פון דער זון,
געלייטערט אין דעם מאָרגן טוי,
לאָז איך שוועבן מיין זעלע הויך —
אין דעם לעערען הימל בלוי.

איך זוך דאָרט דעם סוד פון לעבן —
זיסע טרוימען, הימלס גליק...
איך בויע שלעסער אין דערלופטן,
און צוברעך זיי מיט איין בליק.

(ראָזע קומט אַריין מיט אַ באָקעט בלומען אין האַנט, באָריס פאָלגט איר נאָך מיט אַ בוך אונטער זיין אָרעם)

ראָזע: (לאַכט פריילעך) איך האָב זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטן פון אָנרייסן אַביסל פון די שענסטע בלומען פון גאָרטן.

דבורה: (שמייכלט) אין דיינע הענט, ראָזע, זעען די בלומען אויס שענער, מער רייצנד ווי אין גאָרטן...

באָריס: (שטעלט אַריין דעם בוך אין אַלמער, מאַכט אַ פּאָר טריט נעענטער צום טיש) וואָס מאַכט איר, ר׳ זלמן?

ר׳ זלמן: (איבערלעגענד) וואָס קאָן איך דען מאַכן? אַז איר טוט אַפּ אַלעס אַליין, נאָך איידער איך הויב זיך אָן אַרומקוקן...

ראָזע: (קלייבט אויס אַ בלום פאַר דבורה׳ן) פאַר אייך, דבורה, אָט אַ די שיין צעוואָקסענע רויז, מיט איר פיינעם אַראָמאַט. ווען איך האָב אָפּגעריסן די רויז פון שטאַם, האָב איך אייך אין זינען געהאַט...

דבורה: (נעמט די בלום) איך דאַנק דיר זייער, ראָזע, (זי גיט איר אַ קוש אין שטערן, שמעקט די בלום.)

ראָזע (גיט אַ בלום צו איר פאָטער און אַ בלום צו ר׳ גדליה׳ן): פילט ווי דערקוויקענד זייער אַראָמאַט איז. (גיט אַ בלום צו ר׳ זלמנ׳ען) און פאַר אייך ר׳ זלמן, אָט די שיינע, שמעקענדיקע בלום.

ר׳ זלמן: (מאַכט אַ ברוגזע מינע) די בלום וואָלט מיר זייער געפעלן ווען איר וואָלט זיך דאָ נאָך נויטיגן אין מיר אַלס שדכן.

ראָזע: (גיט אַ שעמעוודיקן שמייכל) ר׳ זלמן, איר לאָזט זיך וואויל גיין מיט אייער שפּאַס אויף אונזער רעכענונג?...

(זי קלייבט צווישן די בלומען)

באָריס: (שמייכלענד) ראָזע, און אָן מיר האָסטו גאָר פאַרגעסן?

ראָזע (לאַכט) אך, דו אומגעדולדיקער! וואַרט, דיר וועל איך אויסקלייבן גאָר אַ שיינע בלום. (זי קלייבט אַ בלום) אָט א די בלום גלייכסטו? (זי גיט אַ שמעק די בלום, דערלאַנגט איר באָריסן.)

(באָריס נעמט די בלום, גיט ראָזען אַ קוש אין האַנט, ער ברענגט צו פון שאַפע אַ וואַזע, ראָזע שטעלט אַריין די בלומען. זי קלייבט פאַר זיך אויס אַ בלום, שטעלט די וואַזע אויפן טיש)

ר׳ זלמן: (וואָרענט דרויענד מיט אַ פינגער) געדענקט! יונגע לייט, איר רויבט ביי מיר אָוועק מיין פּרנסה — אָבער איך לאָז זיך אויס פון אייך. אַ פּאָר חפצים אין הויז זיינען נאָך פאַרבליבן, צו פאַרזעצן אין אַ נויט...(ער גייט אַפּ פון טיש) עי: קבצן, קבצן!

(ער צעשפּרייט די הענט, מאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט דאַרפן מאַכן פלאַץ צווישן אַ סך מענטשן, צו קאָנען טאַנצן. ער פאַנגט אָן זינגען.)

הוליע קבצן, נאך אביסל —
באלד לאך איך זיך אויס פון דיר.
איך עפן אויף נאר די קאמאדע,
ווינקט אן אוצר דארט צו מיר...

(ער נעמט פון בוזים־קעשענע ארויס זיין ווייבס זיידן טיכל, פאכעט דער־מיט אין דער הויך)

וואס מיר הויזן, ווער קאפאטע —
שוך און קלייד מעג זיין ווי אלט,
דעם ווייבס פאטשיילע, נאך א נייע —
געלט אויף שבת קריג איך באלד.
אפגענארטע שבת שפייזן,—
אומזיסט פארשמירט די טשולענט־ברעט

בלויז צוויי חלות, לכבוד שבת —
די „מלכה־שבת״ אויף זיי רוהט...

הוליע, הוליע, פריי זיך, קבצן,
לאך פון ארמוט, לאך פון נויט.
פארזעץ די לייכטער — ס'זיידן טיכל,
ווייב און קינד פארזארג מיט ברויט.

ר' זלמן: (גייט צו צו דבורה'ן) איר האט גאר ניט קיין באגריף, דבורה לעבן, ווי גוט סע איז, ווען די ווייב לאזט פארזעצן איר זיידן טיכל אום צו קויפן מעל אויף חלה...

דבורה: (אין פארלעגנהייט, ענטפערט ניט קיין ווארט)

ראזע: (אנגעשפארט אן איר פאטער'ס שטול, נעבן באריס'ן, שמעקט פון דער בלום, וואס זי האלט אין האנט, שמייכלט טרויעריק) א מאדנער טשודאק, ר' זלמן. ער לאכט אזוי הארציק פון אייגענעם ביטערן מזל.

באריס: (זיפצט) יא, אידישער געלעכטער, איז דורכגעווייקט מיט צער...

ר' גרשון: רעדט זיך דורך מיט ר' גדליה'ן אין דער שטיל. נעמט ארויס פינף רובל, דערלאנגט ר' זלמנ'ן) נא דיר, זלמן. דו ביזט א בטוח — גאט וועט דיר העלפן וועסטו אפגעבן.

ר' זלמן: (נעמט די פינף רובל, באַטראַכט זיי.) איך דאַנק אייך טויזנט מאָל, ר' גרשון. נו, איך פרעג אייך: דאַרף מען זינדיקן? איר זעט, אַז גאָט וויל, העלפט ער... (צו דבורה'ן) און אַלס דאַנק צו אייך, דבורה, וועל איך טרינקען נאָך אַ גלעזל טיי. (ער גיסט אַליין אָן זיין גלאָז מיט טיי, זעצט זיך צום טיש)

(פראַסינע טראָגט אַריין אַ פּרוכטאַוואַזע מיט פריש־געריסענע עפּל, שטעלט אויפן טיש, גייט אָפּ.)

(ראָזע מיט באַריסן פאַרנעמען פּלעצער באַם טיש)

דבורה: (גיסט אָן טיי פאַר זיי. נעמט די פרוכטאַוואַזע, טיילט יעדן עפּל). עסט, פרישע עפּל, ערשט פון סאַד אָנגעריסן.

(צו ראָזען און באַריסן) עסט און טריקט קינדער. שעמט זיך ניט.

ר' זלמן: (לאַכט געשמאַק) הע, ווען זיי וואָלטן געווען שעמעוודיק, וואָלט איך דאָך געהאַט פּרנסה...

(באַריס און ראָזע רעדן זיך דורך אין דער שטיל)

דבורה: (שמייכלט) נאָר ניט געזאָרגט, ר' זלמן, גאָט וועט שוין העלפן.

ר' זלמן: (זיפצט, האַלב שפּאַסיק) איי, זיין הילף, זיין הילף...

ר' גרשון: (שיילנדיק זיין עפּל) באַריס, איך האָב באַטראַכט דעם פּלאַן, וואָס דו האָסט געמאַכט פאַר דער מיל. ער געפעלט מיר זייער. איך דענק, אַז די פּאָליציי וועט ניט האָבן וואָס אויסצוזעצן צו מאַכן שטערונג, אויב די מיל וועט זיין געבויט נאָך דיין פּלאַן נאָך.

באַריס: (נאָך אַ קורצן נאָכדענקן) פּאָליציי וועט שוין געפינען אַן אויסרייד, צו שטערן בויען די מיל. פאַרלאָזט זיך אויף איר. געלט, כאַבאַר, נאָך וועלכן זי איז אַזוי לור, וועט צו איר מער אַפּעלירן, ווי גוטע פּלענער. — אויף דאַריף איז זי געשאַפן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן...

ר' גרשון: (נעמט ווידער דעם פּלאַן אין האַנט. באַטראַכט אים.) באַריס, ווען דו וואָלסט זיך נעמען שטודירן, וואָלסטו אָן פיל שווערקייט, געקאָנט ווערן אַ אינזשעניר.

באַריס: (נאָכדענקענד) און אַלס אינזשעניר, וואָלט די רעגירונג ניט געמאַכט קיין שטערונגען אין אונזערע אונטערנעמונגען? וואָלט איך אַלס אינזשעניר, דען געקראָגן מער רעכט ווי אַלע אַנדערע רעכטלאָזע אידן?

ראָזע: די רעגירונג באַשרענקט די רעכט פון אַלע בירגער, און אויסנאַם פון נאַציאָנאַליטעט.

באָריס: געוויס, פּאָליטיש זיינען אַלע בירגער באַשרענקט. אָבער איז געזעלשאַפטלעכן, אין סאָציאַלן לעבן, קאָנען זיך אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן פריי באַוועגן און האַנדלען נאָך זייער וואונטש נאָך. בעת מיר, וואָס טראָגן די לאַסט פון שטייערן גלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער, און שטעלן אויך צו אַ גלייכן פּראָצענט סאָלדאַטן פאַרן מי־ליטער, ווערן אידן דאָך באַרויבט פון יעדער רעכט אין סאָציאַלן לעבן. און זייער אַפּט אויך געלאָזן אויף הפקר צו די ווילדסטע אויס־ברוכן פון האַס און צאָרן, פון דער באַפעלקערונג קעגן אונז, וואָס ווערט אין די מערסטע פאַלן אויפגערייצט פון דער רעגירונג אַליין צוליב אירע פאַרהוילענע צוועקן...

(דאָס גלעקל הויבט אָן קלינגען, באָריס עפנט די טיר כע קומט אַריין דער פּריסטאַוו.)

פּריסטאַוו: (באַגריסט אַלעמען העפלעך) גוט העלף! (באַמערקט שמייכלענדיק) אַ פריילעכע פאַמיליע אונטערהאַלטונג? (אַלע ענטפערן אים) גוט העלף הער פּריסטאַוו.

ר׳ גדליה (גייט צו צו אים דערלאַנגט אים די האַנט): אַ גאַסט היינט, פריץ! מסתמא האָט איך זייער וויכטיגעס געבראַכט צו אונז...

פּריסטאַוו: (אין פאַרלעגנהייט) אַט, מען איז געוועזן דאָ אין דער נאָכבאַרשאַפט, האָב איך אַפּגעטראָטן צו אייך פאַר אַ ווײַלע.

ר׳ גדליה: אַ גרויסן דאַנק פריץ, אייער וויזיט איז הערצלעך וועלקאָמען, קומט, פריץ, פאַרברענגט מיט אונז אין קאָמפּאַניע.

פּריסטאַוו: (גייט צו צום טיש, רייכט מיט אַלעמען הענט)

אַזוי ווי די האַרץ וואָלט מיר זאָגן, אַז איך וועל ביי אייך טרעפן אַלטע באַקאַנטע...

דבורה: דעם מענטשענ׳ס האַרץ, פריץ, איז אַלע מאָל אַ גוטער וואָרזאָגער.

באָרים (טראָגט צו אַ שטול): זיצט, הער פּריסטאַוו.

פּריסטאַוו: (גיט זיך אַ לייכטן נויג) אַ דאַנק באָריס! (ער זעצט זיך באַקוועם אין שטול) און וואָס מאַכט איר פּאַני דבורה?

דבורה: (שמייכלט) אַט ווי איר זעט פריץ, מען פאַרברענגט ביי

אַ גלעזל טיי. (זי רופט פראַסינען) פראַסינע! ברענג אַריין נאָך אַ גלאָז מיט אַ שאַל.

פּריסטאוו: (צו ר׳ גרשון) און ווי אַזוי גייען אייערע געשעפטן, פּאַניע גרשון?

ר׳ גרשון: זיך ניט צו באַקלאָגן, גאָט צו דאַנקען.

פּריסטאוו: יאָ, אין די גרעסערע שטעט איז דאָס לעבן פיל ראַס־קאָשנער. סע איז דאָרט פאַראַן מיט וואָס זיך צו פאַראינטערעסירן, וואו צו פאַרברענגען. יאָ, דאָרט, ביי אייך אין די גרויסע שטעט, איז דאָס לעבן מער באַקוועם ווי אין די קליינע שטעטלעך.

ר׳ גרשון: געוויס איז באַקוועמער דאָס לעבן אין דער גרויסער שטאָט. דערפאַר איז אָבער דאָס לעבן אין קליינעם שטעטל מער אָנגענעם. מען איז ווייט פון דעם אייביקן רעש און טומל פון דער גרויסער שטאָט, וואָס פאַלט ווי אַ שווערע לאַסט, און מאַטערט אויס.

פּריסטאוו: מען ווערט גיכער צוגעוואוינט צום טומל פון דער גרויסער שטאָט, ווי צו דער מאָנאָטאָנע רואיקייט פון קליינעם שטעטל. (ער פאַרקוקט זיך אויף ראָזען) אַ גאַנץ שיינע באַרישענע, אייער טאָכ־טער, פּאַניע גרשון. זי האַלט שוין ווייט אין איר שטודיום? (ער שמייכלט צו ראָזען) איך וואָלט גאַנץ גוט גליכן די אידישע שטודירנדע יוגנט, ווען זיי וואָלטן ניט אַזוי ליב געהאַט צו לייענען די אומגעזעצ־לעכע ליטעראַטור, וואָס איז שטרענג פאַרבאָטן פון דער רעגירונג.

ראָזע: (דרייסט.) אַ דאַנק אייך פאַרן קאָמפּלימענט, הער פּריס־טאָוו. אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס קען שאַטן דער רעגירונג, ווען די יוגנט לייענט אַ קריטיק, אָדער אַ שאַרף וואָרט קעגן איר? דערמיט קען מען נאָך די וועלט ניט איבערקערן.

פּריסטאוו: פון אייער שטאַנדפּונקט האָט איר פּילייכט רעכט, באַרישענע. אָבער די העכערע מאַכט פאָדערט פון אונז נאָכצוזוכן און אויסראָטן יעדער אומגעזעצלעכע שריפט. און מיר, אַלס באַאַמטע פון דער רעגירונג, מוזן אויספאָלגן די באַפעלן פון דער העכערער מאַכט.

ראָזע: (מיט שפּאָטישן געלעכטער) אַלע האָבן מורא פאַר דער העכערער מאַכט. און פאַר וועמען האָט די העכערע מאַכט מורא?

ר׳ גרשון: (מיט כעס) ראָזע! —

פּריסטאוו: (פאַרכאַפּט גוטמוטיק) באַאומרואיקט אייך ניט, ר׳

גרשון, און אייך טייערע פריילן, וויל איך, איר זאָלט פאַרשטיין, אַז די העכערע מאַכט, דאַרף פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן — זי איז אַלער־העכסט, און קען טאָן, ווי איר געפעלט.

ר׳ גדליה: גאָט איז אַלער־העכסט, הער פּריסטאַוו.

פּריסטאַוו: (פאַרנייגט זיך פּרוס) פאַרצייעט, פאַניע גדליה. איך האָב געמיינט צו זאָגן, אַז די רעגירונג איז אַלער־העכסט אַלס ערדישע מאַכט, און פאַר איר דאַרפן מיר האָבן אונזער גרעסטן רעספּעקט און מורא (צו ר׳ זלמנ׳ן) און וואָס מאַכט עפּעס אייער הערי, פאַניע זלמן? ער ווערט שוין אביסל לייטישער? (וואָרענט) זאָל ער זיך נאָר גוט היטן, ווייל אויב מען וועט ביי אים אַ צווייטן מאָל געפינען אומגעזעצלעכע ליטעראַטור, וועט אים אפילו ר׳ גדליה שוין אויך ניט קענען העלפן. דאָס געזעץ איז זייער שטרענג אין אַזעלכע פאַלן...

ר׳ גרשון: די רעגירונג וואָלט פיל קליגער געהאַנדלט ווען זי וואָלט פאַרקוקן, און זיך ניט וויסנדיק מאַכן וועגן דער אומגעזעצלעכער ליטעראַטור, וואָס ווערט געלעזן פון דער יוגנט. דאַן וואָלט די יוגנט זעלבסט, וואָס איז פון נאַטור אַוואַנטוריסטיש, פאַרלוירן איר אינטערעס אין דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

פּריסטאַוו: די יוגנט איז שוין צופיל פאַרקאַכט אין לייענען אומגעזעצלעכע ליטעראַטור, און מען מוז, אום יעדן פּרייז, מאַכן אַן ענד דערצו — באַבסקע רפואות... קאָנען ניט העלפן דערצו. (ער קוקט זיך אום צו באַריסן) מיט אייך באַריס, בין איך זיכער, אויב אַן אויספאַרשונגס קאָמיסיע וואָלט קומען צו אייך זוכן פאַרבאָטענע ליטעראַטור, וואָלט זי אַוועקגיין מיט ליידיקן. (ער ווענדט זיך צו ר׳ גדליה) יאָ, פאַניע גדליה, איך האָב ליב אייער באַריסן. ער וואַקסט אַ פּראַקטישער געשעפטסמאַן. ער אינטערעסירט זיך בלויז אין דעם וואָס קאָן אים ברענגען נוצן.

באַריס: ווערן דען אידישע געשעפטסלייט, וואָס האָבן קיין שום אַנונג ניט וועגן רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, ווייניק פאַרפאָלגט פון דער רעגירונג?

פּריסטאַוו: אַ גוטער געשעפטסמאַן גיט זיך אַלע מאָל אַן עצה ווי זיך צו העלפן אין אַ נויט, און מאַכט אים די רעגירונג צו פיל שוועריקייטן אין איין מסחר, נעמט ער זיך צו אַנדערע מסחרים, און באַגליקט נאָך מער ווי אין פריערדיקן מסחר.

באַרים: סע זעט אויס, ווי די רעגירונג וואָלט אַבזיכטלעך אונז געצוואונגען צו אַנטוויקלען נייע מסחרים, כדי שפּעטער — דורך נייע געזעצן — זיי מוזן אָוועקגעבן פאַר שפּאָט ביליק צו מער יחסנ׳־דיקע בירגער, דאָס מיינט, דאָך איינפאַכער שווינדל פון איר זייט, עס ברענגט אונז אין אַזאַ לאַגע, דאָס מיר בלייבן אייביק „די אָפּגענאַרטע" און דאָס טוט די רעגירונג אין נאָמען פון געזעץ און יושר?

ראָזע: (איראָניש) דאָס איז שוין צו שאַרף געזאָגט קעגן דער רעגירונג, אין דער קעגנוואַרט פון פּריסטאַוו. (לאַכט) זיי פאַרזיכ־טיק, באַרים.

פּריסטאַוו: (באַליידיקט) דערוויל, באַרישנע, רעכן איך זיך אַלס גוטער פריינט צו דער פאַמיליע, און חוץ דעם, באַטראַכט איך די קריטיק פון באַריסן אויף דער רעגירונג, אַן שום רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון, נאָר בלויז אַלס אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט, קעגן די פילע שטערונגען, וואָס ווערן, ליידער, אָפט געמאַכט צו אידישע געשעפטס־לייט.

ר׳ גדליה: אויפּפאַלענד, צו ר׳ גרשונ׳ן) עפּעס פלאַפּלט דער ערל צופיל וועגן שוועריקייטן!...

פּראַסינע טראָגט אַריין אַ גלאָז מיט אַ שאַל, דבורה צאַפּט אַן טיי פאַרן פּריסטוו)

פּריסטאַוו: (קוקט זיך איין אויף פּראַסינען) האַ, ווי שיין דו קוקסט אויס פּראַסינע! ס׳זעט אויס די קעסט, וואָס מען גיט דיר דאָ, פאַלזעוועט דיר...

פּראַסינע: (שמייכלט) זיך ניט צו באַקלאָגן, פּריץ. (זי פאַרנויגט זיך, גייט אָפּ).

פּריסטאַוו: (צו דבורה׳ן) איר האָט ניט קיין שלעכטע דינסט, פּאַני דבורה. (ער וויל זיך נעמען טרינקען, כאַפּט זיך אויף צוריק) וואָס איז דאָס, טיי גאָר? דאָס איז פאַר מיר ניט קיין געטראַנק — עפּעס שטאַרקעס! סע זאָל אויפלעבן. מען זאָל פילן מונטערער. הע! טיי שטימט ניט מיט מיר...

ר׳ גדליה: (שמייכלט) וועט דער פּריץ אפשר טרינקען אַ גוט ביסל קאָניאַק?

פריסטאַוו: (גוטמוטיק) זאָל זיין קאָניאַק, פּאַניע גדליה, אַבי ניט קיין טיי.

ר׳ גדליה: (רופט פּראַסינען אויפן קול) פּראַסינע, ברענג אַריין אַ פלאַש קאָניאַק, פאַרן פּריץ.

פריסטאַוו: (אויפגעלייגט) אַט אַזוי פּאַניע גדליה. וועלן מיר פּילן, אַז מיר טרינקען עפּעס. (צו ר׳ זלמנ׳ן) דו פּאַניע זלמן, ביסט דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט. (ער לאַכט) אין דיינע געשעפטן מישט זיך די רעגירונג קיינמאָל ניט אַריין. זי מאַכט דיר ניט קיינע שוועריקייטן...

ר׳ זלמן: הלואי וואָלט די רעגירונג זיך אַריינגעמישט אין מיינע געשעפטן, וואָלט אפשר אַרויסגעקומען אַ טובה פאַר מיר.

פריסטאַוו: (לאַכט) אַנדערע מענטשן פּראָטעסטירן ווארום די רעגירונג מישט זיך אין זייערע געשעפטן, און דו פּאַניע זלמן, ווינטש גאָר, אַז די רעגירונג זאָל זיך יאָ אַריינמישן אין דיינע מסחרים. מסתמא פאַראַנען צופיל קאָנקורענציע ביי די שדכנים.

ר׳ זלמן: (זיפצט) יאָ, פּריץ. אַ קאָנקורענציע וואָס מיר קאָנען ניט ווידערשטיין, די היינטיקע יונגע חברה שליסן אַליין זייערע שדוכים נאָך איידער מיר קוקן זיך אַרום.

פריסטאַוו: (לאַכט) יאָ, יאָ, ליבע! דאָס איז איצט אין דער מאָדע.

ר׳ זלמן: הלוואי וואָלט די רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ געזעץ קעגן דער דאָזיקער מאָדע.

פּראַסינע: (ברענגט אַריין אַ פלאַש קאָניאַק מיט פּאַרבייסן, שטעלט אַוועק נעבן פריסטאַוו, באַמערקט) דאָס איז פאַרן פּריץ.

פריסטאַוו (אויפגעלייגט): אַט אַזוי, פּראַסינע! איצט גלייך איך דיר...

פּראַסינע (לאַכט): איר מיינט דעם קאָניאַק, הער פריסטאַוו. (זי גייט אַפּ)

פריסטאַוו: אַ בראַווע מיידל, פאַרשווייגט ניט קיין וואָרט. (ער גיסט אָן אַ גלעזעל קאָניאַק, הויבט אויף דאָס גלעזל אין דער הויך, ווינטש) צום וואויל זיין!

אלע: (אַלע ווינטשן) טרינקט געזונט, פּרץ.

פּריסטאַוו: (טרינקט אויס אַ פּאָר גלעזלעך קאָניאַק, ער ווערט מונטערער) **יאָ, ר׳ גדליה.** (ער רעדט איבערלעגענד) **אידישע געשעפטן זיינען אַלעמאָל טריפה, נאָר מען איז באַפריינדעט, פאַרקוקט מען, מאַכט מען זיך ניט זעענדיק, אָבער דאָס געזעץ דערלויבט דאָס ניט.**

(אַלע קוקן ערשטוינט אויפן פּריסטאַוו)

ר׳ גרשון: (אַפּעלירענד) קיין געזעץ העד פּריסטאַוו, **קאָן ניט אָפּגעהיט ווערן ביז אין לעצטן בוכשטאַב פון איר פאַרשריפט. אַפילו אין די גרויסע שטעט, וואו די מאַכט איז מער אויפמערקזאַם דאָס געזעץ זאָל ניט פאַרלעצט ווערן, ווערט אויך אַ סך מאָל פאַרקוקט פון די דאָרטיקע באַאַמטע, אין וועמענס רשות, דאָס געזעץ ליגט אויסצופירן.**

פּריסטאַוו: (פאַרזאָרגט) **איר וועט דאָך ניט צווייפלען אין מיין פריינטשאַפט צו דיזער פאַמיליע, מיט וועלכער איך האָב זיך פּאָר פילע יאָרן אַזוי גוט פאַרהאַלטן. אָבער איך האָב אַ שטרענגן באַפעל פון דער רעגירונג.** (ער קאָן מער ניט ריידן)

ר׳ גדליה (אין אַנגסט): **וואָס רעדט איר, פּריץ?...**

(ער לייגט אַריין פּופציק רובל אין אַ קאָנווערט, דערלאַנגט דעם פּריסטאַוו)

פּריסטאַוו: (נעמט דעם קאָנווערט אין האַנט, באַטאַפּט אים. ער לייגט אים אַוועק צוריק נעבן ר׳ גדליה׳ן, זיפצט) **דאָס מאָל, ר׳ גדליה, קאָן איך ניט...**

(ער נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר פון בוזים-קעשענע, ציַיגט זיי) **אַט דעם אוקאַז, האָב איך היינט געקראָגן פון דער גובערניע, עס איז דאָרט באַוואוסט געוואָרן, אַז איר האַלט די מיל אויף אַ גויעשן נאָמען, און די רעגירונג באַפעלט, אייך אַרויסשיקן פון שטאָט אין פיר־און־צוואַנציק שעה.**

(ער הויבט זיך אויף, לייגט צוזאַמען דאָס פּאַפּיר)

דבורה: (ציטערט פון שרעק) **וואָס רעדט איר פּריץ! איז דאָס מעגלעך?**

פּריסטאַוו: (מיט אַ געבראָכענער שטימע) גוטע דבורה, **איך קאָן אייך מיין פאַרדרוס וועגן דעם אין ווערטער ניט איבערגעבן — לייי־דער...** (ער קאָן מער ניט ריידן)

ר׳ גדליה (קומענדיק אַביסל צו זיך): **וויפיל דאַרף קאָסטן דאָס גוט צו מאַכן, פּריץ?**

פריסטאַוו (זיפּצט): דאָס ליגט ניט אין מיין מאַכט ר׳ גדליה, און איר וועט אייך און מיר, טאָן די גרעסטע טובה און פאַרלאָזן די שטאָט אין דער באַשטימטער צייט. (גייט אָפּ)

דבורה: (וויינט היסטעריש) אַזוי ווי געפערליכע פאַרברעכער, מוזן מיר שנעל אַנטלויפן פון שטאָט, און אַלץ איבערלאָזן אויף הפקר.

באָרים: (פאַרביטערט) אידישע גליקן! (צו ראָזען, איראָניש) אַלע בירגער ווערן פאַרפאָלגט פון דער רעגירונג... טרייבט די רע־גירונג, אויך בירגער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אַוועק פון זייער היים, פאַר אַזאַ פאַרברעכן?...

(ראָזע האַלט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. טרערן גיסן איר פון די אויגן, רעדט קיין וואָרט).

ר׳ גדליה (שטייט ביים קאָמאָדע, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין האַנט, רעדט פאַרביטערט): אַט! אָפּגעהאַרעוועט אַלע מיינע יאָרן און איצט ווערט פון אַלץ אַ תל!.. נעם דעם שטעקן אין האַנט און וואַנדער אין דער גרויסער וועלט, זוך אַ נייעם מקום־מנוחה, וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן... אַ פאַרברעכן באַגאַנגען! איך האָב געטאָן מסחר אין דאָרף, דריי טריט פון שטאָט, און דאָס טאָר דער איד ניט טאָן! דאָס רעכנט זיך אים פאַר אַ געפערלעכן פאַרברעכן.

ר׳ גרשון: באַרואיקט זיך. מען דאַרף דאָך אַלץ אויף גיך איינ־אָרדענען.

ר׳ גדליה (מיט אַ ווייַנענדיקע שטימע): זיך באַרואיקן — מיט וואָס? זיך איינאָרדערן — ווי אַזוי?...

באָרים (זיפּצט): יאָ, יאָ, אָט דאָס איז דעם אידנס שיקזאַל אין גלות!

(באָריס נעמט אויף גיך איינפּאַקן אַלץ פון הויז, ר׳ זלמן און פראַסינע העלפן אים))

פראַסינע: אַזאַ חזיר! ער האָט נאָך געדאַרפט זיך גוט אָנפרעסן און אָנזויפן, אָנצוזאָגן אַזאַ שלעכטע בשורה.

(דבורה נעמט אַרום ראָזען, קושט איר, וויינט, פאַלט אין היסטעריע)

פ אָ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט

צווייטער אַקט

פּערזאָנען:

ר׳ גדליה
דבורה
באָריס
ר׳ זלמן
הערשי

רובי אסתר סיידי	באָריסעס פריינט

פּלאַץ פון האַנדלונג

מיט צען יאָר שפּעטער אין אַמעריקע

אַן עס־צימער, שיין אויסגעמעבלט. ר׳ גדליה זיצט אין אַ ווייך־געבעטער שטול, קוקט אריין אין אַ צייטונג.

דבורה קומט אַריין מיט אַ לאָפּן, טרעט זייער פּאַרזיכטיק, ניט צו שטערן ר׳ גדליה׳ן, ווישט אַלץ ארום. ר׳ גדליה הויבט אויף, אַלע ווײַלע, די אויגן פון צייטונג, פאָלגט נאָך, וואָס דבורה טוט.

דבורה גייט צו צום שרייב־טיש, נעמט אראָפּ אַ פאָטאָגראַפיע, ווישט זי פּאַרזיכטיק ארום, קוקט זיך איין אין איר, טרערן קייקלען זיך פון אירע אויגן, זי שטעלט פּאַרזיכטיק אוועק די פאָטאָגראַפיע, ווישט שנעל אָפּ די טרערן, גיט אַ שווערן זיפץ.

(ר׳ גדליה, הויבט אויף די אויגן פון ציטונג, גיט א שטרענגן קוק אויף דבורה׳ן.)

ר׳ גדליה: דו זיפצט שוין ווידער?

דבורה: (זיפצט) **פאַרוואָס זאָל איך ניט זיפצן? אַלץ גייט דאָך אַזוי גוט!?..**

ר׳ גדליה: פעלט דען חלילה עפּעס אויס אין הויז? (רעדט געלאַסן) **מיר זיינען ניט קיין גבירים, אָבער פּרנסה האָבן מיר, גאָט צו דאַנקען, טאָ וואָס פאַר אַ זינען האָט עס שטענדיק אַרומצוגיין פאַרזאָרגט און האַלטן אין איין זיפצן?**

(ער קוקט צוריק אַריין אין צייטונג)

דבורה: (שטייט דערשיטערט, זי וויל עפּעס זאָגן, זי קען אָבער די ווערטער ניט אַרויסברענגען פון מויל, זי טוט אַ מאַך מיט דער האַנט, לאָזט זיך גיין, זי קערט זיך אום צוריק, שטעלט זיך אָפּ, קוקט אויף גדליה, רעדט געלאַסן). **זאָג נאָר גדליה, טוסטו כאָטש ווען אַ טראַכט וועגן אונזער באָריס׳ן? —**

(די ווערטער שטיקן איר אין האַלדז. זי קאָן מער ניט רעדן, קוקט פאַרווירט אויף ר׳ גדליהן, זי וויל הערן, וואָס ער האָט איר צו זאָגן.)

ר׳ גדליה (לייגט אַוועק די צייטונג, הויבט זיך אויף פון שטול, טוט אַ פּאָר טריט אין פאַראויס, בלייבט שטיין פאַרטראַכט פאַר אַ ווײַלע, ציט לאַנגזאַם די ווערטער.):

— וועגן אונזער באָריסן? — דאַכט זיך, אַז אונטער די אומשטענדן איז זיך נישטאָ וואָס צו זאָרגן וועגן אים. ער פאַרדינט ניט שלעכט, און מיט זיין שטודיום גייט ער אויך אַן גאַנץ גוט, (טראַכט) **באַלד וועט ער מיט גאָטס הילף ענדיקן זיין שטודיום, דאַמאָלס איז פאַר אים די וועלט אַן אָפענע.** שפּאַצירט אַרום איבערן צימער פאַרטראַכט).

דבורה: (זיפצט שווער) **יאָ, יאָ, גדליה, האָסט אים שוין פאַרזאָרגט, און קאָנסט שוין רואיק לייענען דיין צייטונג.** (שטייט אַ ווײַלע, טוט נאָך אַמאָל אַ שווערן זיפץ, גייט אָפּ.)

ר׳ גדליה: (גייט צו צום שרייב־טיש. נעמט די פאָטאָגראַפיע, קוקט זיך איין אין איר אַ לענגערע צייט, רעדט צו זיך אַליין) יאַ, אַ מוטער׳ס האַרץ, ווייטיקט...

(ער שטעלט אַוועק די פאָטאָגראַפיע רייבט איין האַנט אין דער צווייטער.)

ווער ווייסט צי עס איז נאָך ערגעץ פאַראַן אַ זכר פון זיי?

(ער זיפצט שווער. פאַררויכערט אַ ציגאַר, שפּאַצירט אַרום איבערן צימער פאַרטראַכט. אין טיר הערט זיך קלאַפּן. ר׳ גדליה רופט) קאָם אין!

ר׳ זלמן: (קומט אַריין, גריסט זיך) גוט־העלף!

ר׳ גדליה: (מונטער) האַ! אַ גוטער יאָר זלמן. (לויפט אים אַנטקעגן, דריקט אים די האַנט). אַ גאַסט! שוין לאַנג ניט געווען ביי אונז. (רופט אויפן קול) דבורה! קום אַריין וועסטו זען, וואָס פאַר אַ גאַסט מיר האָבן...

דבורה: (קומט אַריין איבערראַשט) האַ, ר׳ זלמן, וואָס פאַר אַ גאַסט! וואָס מאַכט איר? נו, גדליה, וואָס לאָזטו דעם גאַסט שטיין? (זי רוקט צו אַ שטול) זיצט ר׳ זלמן, אַזוי לאַנג אייך ניט געזען! און וואָס מאַכט אייער קיילע? האָט זי זיך שוין צוגעוואוינט צו אַמעריקע? זי איז אַ טייערע פרוי, אייער קיילע.

ר׳ זלמן (שפּאַסט): שוין אַביסל צו אַ טייערע כלי... זי קאָסט מיך שוין אָפּ אַ פאַרמעגענס! דורך איר בין איך שוין בדיל הדל געוואָרן...

ר׳ גדליה (לאַכט): זע נאָר, דבורה, די טענות, וואָס ער האָט צום רבונו של עולם? גליך ווי ער וואָלט זיינע מיליאָנען, וואָס ער האָט געבראַכט קיין אַמעריקע, דאָ פאַרלוירן.

דבורה (שמייכלט): ניש׳קשה ר׳ זלמן, ס׳איז אייך אַצינד נאָך בעסער, מיט אייער קיילען, ווי כריער, ווען איר זענט געווען אַליין, אָן איר. — נאַ, בעלי־בתים, פאַרברענגט דאָ אַליין אַ ווײַלע, און איך וועל גיין צוגרייטן טיי, אַזוי אויפן היימישן שטייגער — אַך אַזאַ גאַסט! אין אומגעריכט? (זי גייט אָפּ)

ר׳ גדליה (אויפגעלייגט): אָט אַזוי ווי דו זעסט, זלמן, אַלץ איז ביי איר אויפן אַלטן שטייגער... אפילו טיי קאָכט זי אויך אויפן אַלטן, היימישן שטייגער: אין אַ סאַמאָוואַר מיט קוילן, פּונקט ווי אין

דער אַלטער הײם. זי װיל זיך גאָר ניט אָנפּאַנגען צוגעװאוינען צום היגן לעבן...

ר׳ זלמן: פּונקט װי בײ מיר, ר׳ גדליה: אַלץ אויפן אַלטן שטײ־גער. אפילו דער דלות, איז אויך אויפן אַלטן שטײגער. (לאַכט)

ר׳ גדליה (קלאַפּט אין פּלײצע, לאַכט): יאָ, יאָ, זלמן, דו ביסט נאָך אַלץ דער זעלבער װיצלינג, װי אַמאָל אויפן אַלטן שטײגער — װאָלט אפשר געװען אַ פּלאַן, ביז דער סאַמאָװאַר װעט אויפזידן, דער־װײל צו מאַכן אַ שאַך, אַזוי אויפן אַלטן שטײגער — (ער גיט אַ לײכטן זיפץ) יאָ, זלמן, שוין לאַנג אַ גוטן שאַך ניט געשפּילט.

ר׳ זלמן: איך גלויב קוים אויב איך װעל איצט קאָנען זיך ערנסט אַרײנטראַכטן אין אַ שאַך. — און אויב ניט פּאַרטיפן זיך אין דער שפּיל, װאָסזשע איז דער זינען פון שפּילן?

ר׳ גדליה (לאַכט): דו װײסט דאָך מסתמא, װי מען זאָגט. מיט דעם עסן קומט דער אַפּעטיט. אַזוי אויך מיט דעם שפּילן — הויב נאָר אָן צו שפּילן, װעט זיך שוין אַנטװיקלען דער אינטערעס צום שפּיל. (ער נעמט אַרויס פון שיפלאַד אַ שאַך־ברעט, שטעלט אויס די פיגורן.) דאַכט זיך טויטע פיגורן, געשניצט פון האָלץ, אָדער עלפנבײן, דאָך װערט מען מיטגעריסן מיטן שפּילן, גלײך װי די פיגורן װאָלטן באַ־זיצן לעבעדיקע נשמות... (די שפּיל, כאָטש קאַלט פון אָנפאַנג װערט מיט יעדן צוג מער אינטערעסאַנט. בײדע זיצן ערנסט פאַרטיפט).

ר׳ זלמן: (הויבט אויף דעם קאָפּ, טוט זיך אַ גלעט דעם שטערן ניט אַרונטערנעמענדיק די אויגן פון שאַך־ברעט). װי ס׳װײזט אויס, ר׳ גדליה, װעט איר דעם מאָל פאַרשפּילן. (ער מאַכט אַ צוג).

ר׳ גדליה (ניט אויפהויבנדיק די אויגן פון שאַך־ברעט.): עס מאַכט דאָך קײן אונטערשײד ניט, צי איר געװינט, אָדער איר פאַר־שפּילט. דער עיקר איז דאָך דאָס שפּילן. (ער מאַכט אַ צוג, פאַר־טראַכט זיך) יאָ, זלמן, די פאַרטי איז פאַר מיר אַ פאַרשפּילטע.

(פון צװײטן צימער הערט מען, װי דבורה צעבלאָזט דעם סאַמאָװאַר).

ר׳ גדליה (רופט אויפן קול): דבורה. אָט גײ איך דיר העלפן צעבלאָזן דעם סאַמאָװאַר. (ער הויבט זיך אויף) אַנטשולדיקט, זלמן, (גײט אָפּ).

ר׳ זלמן: (הויבט זיך אויף פון זײן פּלאַץ, קוקט נאָך ר׳ גדליה׳ן,

רעדט צו זיך) : בייז, בישטו דער גלאַנץ פון אַמאָל. (זיפצט, ער גייט צו צום ביכער־שראַנק, נעמט אַרויס אַ בוך, מישט די בלעטער, פאַר־טראַכט. זינגט שטיל דעם ניגון „הוליע קבצן״).

באַרים (באַרים קומט אַריין באַגריסט ר׳ זלמנ׳ען) · **האַלאָ, ר׳ זלמן! וואָס מאַכט איר?** (ער גיט אים די האַנט, שפּאַסט) **איר זוכט מסתמא אַדרעסן פון כלות און חתנים אין דעם בוך?** (לאַכט).

ר׳ זלמן (מאַכט צו דעם בוך, זיפצט) : **וואָס קאָן העלפן מיין זוכן, איר האָט דאָך איבערגעלאָזן די אדרעסן אויף יענער זייט ים...**

(באַרים לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, פאַרטראַכט זיך טרויעריק)

ר׳ זלמן (אין פאַרדרוס אויף זיין ניט געלונגענער באַמערקונג, קריגט אָבער באַלד מוט) : **און וואָס הערט זיך וועגן דיין שטודיום, האַלט דאָס טאַקע דערביי, אַז דו וועסט אין גיכן ווערן אַן אינזשעניר?**

באַרים (זיפצט טרויעריק) **יאָ, צו האָפן אַזוי ר׳ זלמן.**

ר׳ זלמן: און אַלס אינזשעניר, מיט אַזאַ גוטן קאָפּ, ווי דו האָסט, וועסטו נאָך מאַכן אפשר וויכטיקע דערפינדונגען, מיט וועלכע דו וועסט אויפשטורעמען די וועלט...

באַרים (קומט אין א גוטער שטימונג, שפּאַסט) : **יאָ, ר׳ זלמן, דער־פינדונגען פאַר שדכנים, זיי זאָלן קאָנען צוזאַמען פירן בחורים מיט מיידלעך און קריגן שדכנות געלט.**

(ר׳ גדליה טראָגט אַריין דעם סאַמאָוואַר, באַרים לויפט אים אנטקעגן, וויל צונעמען פון אים דעם סאַמאָוואַר)

באַרים לאָז, טאַטע, מיר טראָגן דעם סאַמאָוואַר.

ר׳ גדליה (ווערט זיך) : **עס שאַדט ניט, באַרים, סע איז ניט אַזוי שווער, איך קאָן אים אויך צוטראָגן.**

ר׳ זלמן: לאָזט אים ר׳ גדליה, סע וועט אים גאָרניט שאַדן צו זיין קאַלעדזש, ווען ער וועט צוטראָגן דעם סאַמאָוואַר.

באַרים (באַרים נעמט דעם סאַמאָוואַר פון גדליה׳ן שטעלט אים אויפן טיש) : **דאָס צאָלט מיר ר׳ זלמן אָפּ א חוב, וואָס ער איז מיר נאָך וואָס שולדיק געבליבן...**

ר׳ גדליה (שפּאַסט) : **אזוי זלמן, ערשט שולדיק געבליבן און שוין באַצאָלט...**

ר׳ זלמן (לאַכט): הלואי וואָלט איך געקאָנט מיין קיילעס גראָסערי בילס באַצאָלן אַזוי שנעל...

דבורה (טראָגט אַריין צובייסן): איר, ר׳ זלמן, זאָלט זיך נאָר ניט זאָרגן פאַר קיילעס גראָסערי בילס — האָט נאָר בטחון, און גאָט וועט שוין העלפן...

ר׳ זלמן (לאַכט): וואָס טוט מען אָבער ביז ער וועט העלפן, מען מוז דאך דערווייל די בילס באַצאָלן.

(באָריס גייט צו צו ר׳ זלמנ׳ן, לייגט אַרויף זיין האַנט אויף זיין אַקסל, זינגט די ערשטע סטראָפן פון הולי קבצן״)

הולי קבצן נאָך אַביסל,
באַלד לאָז איך זיך אויס פון דיר.
איך עפען בלויז אויף די קאמאדע,
וואונקט אַן אוצר דאָרט צו מיר.

וואָס מיר הויזן, ווער קאַפּאָטע —
שוך און קלייד מעג זיין ווי אַלט,
דער ווייב׳ס פאַטשיילע נאָך אַ נייע —
ווערט אויף שבת געשאַפן באַלד.

(די שטימונג ווערט פריילעך. אַלע לאַכן)

ר׳ זלמן (אויפגעלייגט): יאָ באָריס, האָסט מיינע אוצרות, ווי סע צייגט אויס גוט פאַרדייעט... געדענקסט זיי נאָך!

באָרים (פריילעך): געוויס ר׳ זלמן. אַזעלכע אוצרות לאָזן זיך ניט אַזוי גרינג פאַרגעסן.

ר׳ זלמן (לאַכט האַרציק): אָבער קיין פינפערלעך, וויל קיינער מער ניט אויסבאָרגן אויפן רעכנונג פון די אוצרות.

(פאַר באָריסן שוועבט פאַרביי יענער עפּיזאָד, ווי ראָזע שטייט לעבן אים און שמייכלט טרויעריק פון ר׳ זלמנ׳ס סאַטירישן שפּאַס. ער גייט אַוועק צו זיין שרייב־טיש, מאַכט אויף אַ בוך פאַרטראַכט זיך טרויעריק)

ר׳ גדליה (אום צו פאַרטרייבן די טרויעריק געשאַפענע שטימונג, שפּאַסט): די לאַנדס־לייט האַלטן דיך פאַר אַ שטיק עושר, און דיר חלומ׳ט זיך פינפערלעך צו לייען. אָך, דו אַלטער וויצלער וואָס דו ביסט.

ר׳ זלמן (שפּאַסט): זאָל מיר דאָס צוקומען, וואָס מיר פעלט נאָך צו עשירות...

דבורה (אנגיסנדיק טיי): נאַ, בעלי־בתים, איר זענט געבעטן טרינקען טיי. און איר, ר׳ זלמן, הערט זיך אויף צו באַקלאָגן אויף אַמעריקע — ווער ווייסט וואו אייער הערי וואָלט שוין איצט אָנגע־שפּאַרט, און וויפיל טיורמעס ער וואָלט זיך שוין דאָרט געוועזן אויס־געוואלגערט, אין דעם פינצטערן רוסלאַנד.

(ר׳ גדליה און ר׳ זלמן זעצן זיך ביים טיש)

ר׳ זלמן (זיפצט) יאָ, פון מיין הערי׳ן האָב איך אויך דאָ זייער ווייניק נחת.

ר׳ גדליה: דיין הערי איז זייער א פיינער און אינטערעסאַנטער בחור. דו דארפסט זיין שטאָלץ מיט אים!

דבורה: קיילע וואָלט נאָר געדאַרפט אָנקוועלן פון אים, אַזעלכע יונגעלייט, ווי אייער הערי איז נישטאָ קיין סך...

ר׳ זלמן: איך זע אָבער ניט ער זאָל טראַכטן פון תכלית. ער זיצט דורך די נעכט פארטיפט אין זיינע ביכער — קיין פּראָפעסיע, וועט ער זיך פון זיי זיכער ניט אויסלערנען. טאָ צו וואָס אַזוי פיל כוחות און צייט אוועקגעבן?

ר׳ גדליה: פיל מענטשן זיינען אָפט גליקלעכער אָן פּראָפעסיעס, ווי אויסגעשטודירטע דאָקטוירים אָדער לויערס, צי אינזשיניערן.

ר׳ זלמן: ווען דען די ביכער אים העלפן זיך ארויסרייסן פון שאַפּ, וועלכן ער האַסט ווי דעם טויט? וועט ער פון דעם גריבלען זיך דורך די נעכט אין די דיקע ביכער, אין זיינע, זיך קאָנען צושלאָגן צו עפּעס בעסערס, ווי צו בלייבן א שאַפּ־אַרבעטער?

ר׳ גדליה: אייער הערי איז א גאַנץ קלוגער און בראַווער בחור. ער וועט זיך שוין דורכשלאָגן זיין וועג אין לעבן. לאָזט עס איבער צו אים.

ר׳ זלמן (זיפצט): יאָ, זיין בראַווקייט האָט מיר נאָך אין דער היים פאַרשאַפט גענוג צרות. ניט איינמאָל איז ער פאר זיין בראַווקייט אריינגעפאלן אין די הענט פון דער פּאָליציי. און איר, ר׳ גדליה, האָט זיך געמוזט באַמיען באַם פּריסטאַוו, ער זאָל צורייסן דעם פּראָטאָקאָל, וואָס וואָלט אים געקענט פאַרשיקן אין טורמע אויף לאַנגע יאָרן.

ר׳ גדליה: יאָ, דער פּריסטאַוו איז ניט געוועזן קיין שלעכטער גוי, ער האָט ליב געהאַט אידן. (לאַכט) ער האָט נאָך מער ליב געהאַט זייער געלט...

דבורה: אויך אידישע פיש און שנאַפּס מיט ווארעניע האָט ער ניט פיינט געהאַט.

ר׳ זלמן (לאַכט): שנאַפּס פלעגט ער ביי די גוים אויך געגוג טרינקען און זיך אָנ׳שכור׳ן איבערן קאָפּ. פיש און איינגעמאַכץ פלעגט ער קומען עסן ביי די אידן.

ר׳ גדליה: יאָ, א גרויסער שכור, אָבער ניט קיין שלעכטער גוי געווען.

דבורה (צו באָריסן): נו, באָריס לייג אוועק דיינע ביכער אַ ווײלע און קום צום טיש, דיין טיי ווערט דאָך קאַלט.

ר׳ זלמן (אין שפּאַס): מסתמא טראַכט באָריס וועגן אַ דערפינדונג מיט וועלכער די וועלט צו באַגליקן...

באָריס (לייגט אוועק דעם בוך, גייט צום טיש, שמייכלט): איך טראַכט ר׳ זלמן, פון אַזאַ דערפינדונג, מען זאָל קאָנען זיך אויפהויבן זייער הויך אין די הימלען, וואו קיינער האָט נאָך אַזוי הויך ניט דער־גרייכט, און פון דאָרט אַראָפּשליידערן אויפרייס־שטאָפן, וואָס זאָל ברייגען טויט און פאַרניכטונג אין שונא׳ס לאַגער. אָדער דערפינדן אַזעלכע שנעל און ווייט־שיסנדע האַרמאַטן, וואָס זאָלן אין איין אויגנ־בליק קאָנען פאַרניכטן גאַנצע פעלקערשאַפטן מיט זייערע אַרמייען צוזאַמען. (ער לאַכט ביטערלעך) איר ווייסט דאָך, ר׳ זלמן, סע איז מלחמה צייט, אַלע רעגירונגען קאָנצענטרירן זייער גאַנצע ענער־גיע פאַר טויט און פאַרניכטונג, און יעדער איינער מוז מיטהעלפן מיט וואָס ער קאָן צו פאַרשנעלערן די פאַרניכטונג... (ער זעצט זיך ביים טיש, טרינקט זיין טיי קוקט אויף זיין קעשענע־זייגערל) איך דערוואַרט דאָ היינט אייער הערריך. איך האָף, אַז ער וועט ניט פאַרפעלן צו קומען.

ר׳ זלמן (שמייכלט): איך בין אייך שוין ניט מקנא ר׳ גדליה, איר וועט שוין האָבן צו הערן ווערטער־שלאַכטן פון פיינטלעכע לאַגערן פאַר אַ פּאָר שעה.

באָריס (לאַכט): אין אונזער מלחמה, ר׳ זלמן, וועלן זיך קיין פיינט־לעכע אַרמייען ניט באַגעגענען, און קיינע קאַנאַנען וועלן ניט קראַכן. (ער גייט צוריק צו זיין שרייב־טיש פאַרטיפט זיך אין א בוך).

(פון ווייט הערט זיך מאַרשירן פון זעלנער אונטער דעם טעמפּן קלאַנג פון מילי טערישער מוזיק). (דבורה ראַמט אָפּ פון טיש, גייט אָפּ מיט פאַרטערנטע אויגן, ר׳ גדליה און ר׳ זלמן פאַרויכערן. די שטימונג איז אַ געדריקטע).

ר׳ גדליה (זיפצט): יאָ, די לופט ווערט אָנגעפּילט מיט פּולווער. די מלחמה פּילט זיך שוין גאַנץ שווער. דאָס יונגוואַרג ווערט פאַרנומען און צוגעגרייט פאַרן קריג. (זיפצט) יאָ, יאָ זלמן, אויב די מלחמה, באַהיט גאָט, זאָל נאָך לענגער אָנהאַלטן, וועט מען אויך נעמען אונזערע זין.

ר׳ זלמן (נאָכדענקענד): אָבער אייער באַריס איז דאָך אַן איינציקער, און די רעגירונג וועט ניט האַנדלען אַזוי ניט יושר׳דיק, און צונעמען ביי עלטערן זייער איינציקן זון און שיקן אים אין מלחמה. (רעדט געלאַסן) און מיין הערשל איז נאָך ניט קיין בירגער. און ביז די רעגירונג וועט באַשטימען צו נעמען אין קריג אויך אַזעלכע, וואָס זיינען נאָך ניט קיין בירגער — ביז דאַמאָלס וועט די מלחמה אויפהערן.

ר׳ גדליה (פאַרביטערט): אין צייט פון מלחמה, בייטן רעגירונגען יעדן טאָג זייערע געזעצן. און יושר? — אַזעלכעס עקזיסטירט גאָר ניט אין אַזאַ צייט... (זיפצט) וועל, מיר וועלן זיך מוזן פאַרלאָזן אויף גאָט׳ס „חסד״. (ער הויבט זיך אויף פון שטול, נעמט צוזאַמען דעם שאָך־ברעט מיט די פיגורן). דו האָסט דאָך גענוג צייט, זלמן, וועלן מיר אריינגיין אין צווייטן צימער און דאָרט נאָך אַביסל פאַרברענגען ביים שאָך־ברעט.

ר׳ זלמן (שמייכלט): איך ווייס, ר׳ גדליה, איר ווילט קיין בעל־חוב ניט בלייבן.

ר׳ גדליה: יאָ, זלמן, איך האָב מיינע חובות אַלעמאָל, אלעמען אָפּגעצאָלט. (ביידע אָפּ)

(באַריס זיצט ביים שרייב־טיש פאַרטראַכט אין אַ בוך פאַר אַ לענגערע צייט. ער מאַכט צו דעם בוך, לייגט אַריבער אַ פוס איבער אַ פוס, פייפט טרויעריק. ער נעמט אַראָפּ די פאָטאָגראַפיע פון שרייב־טיש. קוקט זיך איין אין איר, שטעלט איר צוריק אַוועק אויף איר פּלאַץ. ער בלייבט זיצן אין דער זעלבער פּאָזע פאַרטראַכט). הויבט אָן זינגען)

אַ שווערער אומעט הילט מיין זעלע —
פול מיט בענקשאַפט און מיט וויי.
ווי דער אָסיען, שווער פאַרוואָלקנט —
שווערע רעגנס גיסט פון זיי.

סע וואָלט זיך וועלן כאָטש אויסוויינען —
שטיקן טרערן מיר אין האַלדז.
נאַכט דו טונקעלע, פול מיט סודות,
דעק אויף פאַר מיר מיין טיפן סוד.

ס'שטיל די נאַכט ווי אָפּגעשטאָרבן —
אין שוואַרצע וואָלקנס איינגעהילט...
שווערער אומעט, טרויער שטימונג —
פול מיט ליידן די זעל פאַרווירט.

(ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף זיין האַנט, בלייבט זיצן אין אַזאַ פּאָזע פּארטראַכט פאַר אַ לענגערע צייט. אין טיר הערט זיך קלאַפּן. באָריס כאַפּט זיך אויף ווי פון שלאָף)

באָריס (מיט אימפּעט): **קאָם אין!**

(סע קומען אריין סיידי, אסתר, הערדי און רובי. באָריס לויפט זיי אַנטקעגן)

אָ: — אה! האלאו! האלאו! וואָס מאַכט איר פריינדע? (רייכט הענט מיט סיידין)

סיידי: האלאו, באָריס, און וואָס מאַכט איר עפּעס גוטעס?

באָריס: דערוויַיל מאַכט מען בלויז פּלענער, און מע האָפט סע זאָל זיין גוט. (שמייכלט) **האָט איר, סיידי, שוין געביטן אייער מיינונג, זינט יענעם שטורמדיקן מיטינג, וואָס מיר האָבן לעצטנס געהאַט?**

רובי (שפּאַסט): **אלעס פּאַסיפיסטן איז סיידי זייער קריגעריש געשטימט. באָריס, פּאַנגט בעסער ניט אָן מיט איר אַצינד...**

באָריס (לאַכט): **אונזער קריג, וועט זיך שליכטן פרידלעך...** (ער רייכט הענט מיט אסתרן) **איר, אסתר, האַלט דאָך זיכער מיט אונז, און אין יעדנפאַלס, וועט איר אונז זוכן צו דערמוטיקן דורך די זיסע טענער פון מוזיק.**

אסתר (שמייכלט): **אויב דאָס וועט נאָר ברענגען די געווינטשטע רעזולטאַטן!**

באָריס (באַגריסט זיך זייער האַרציק מיט הערדין און רובין): **איר האָט געמוזט האָבן אַ לאַנגען ויכוח אויפן וועג, קומענדיק אַהער.**

רובי (שפּאַסט): **הא, ניין חבר. דאָס האָבן מיר פּרעזערווירט פאַר אייך, כדי צוזאַמען דעם ויכוח צו פירן.**

באָריס (העלפט סיידין מיט אסתרן אויסטאָן די מאַנטלען מיט די העטס, טראָגט זיי פאַרזיכטיק אַוועק אין זייט צימער. קוקט אויף זיין קעשענע־זייגער): **יאַ, פריינדע, איך וואַרט שוין אויף אייך איבער אַ שעה — וועל, מאַכט אייך באַקוועם.** (צייגט מיט דער האַנט אויף די שטולן).

(סיידי און אסתר גייען צום שפּיגל)

אסתר (אַנצייגנדיק אויף הערריַן און רובין): **סע איז זייער שולד. מיר האָבן שוין געוואָלט גיין אַליין, אָן זיי.**

באָרים: **אין אָונט, אָן באַגלייטער?**

אסתר (לאַכט): **מען דארף זיך צוגעוואוינען צו גיין אַליין — מען פאַרנעמט דאָך אַלע יונגעלייט אין דער אַרמיי.** (גייט צו צום ביכער שראַנק, נעמט אַרויס אַ בוך, בלעטערט אים).

הערריַ (זיך מאַכנדיק באַקוועם אין אַ ווייך־געבעטן שטול): **עס איז שוין צייט, אַז מיידלעך זאָלן זיך באַטראַכטן פאַר זעלבסטשטענ־דיקע מענטשן, און ניט וואַרטן אויף באַגלייטער, ווען זיי ווילן ערגעץ גיין.**

אסתר (בלעטערט דאָס בוך): **נאָר ניט געקיבצט, הערריַ.**

הערריַ (לאַכט): **איר האָט דאָך געקראָגן גלייכע רעכט מיט די מענער!**

רובי (קוקט אין אַ צייטונג, שמייכלט): **אַ שאָד, מען וואָלט אויך געדאַרפט נעמען מיידלעך אין דער אַרמיי.**

סיידי (שטייט ביים שפּיגל): **וואָלט פאַר אייך זיין גרינגער זיך לאָזן פאַרניכטן אויף די שלאַכט־פעלדער?**

באָרים (נאָכדענקענד): **מלחמות, איז דאָס ערגסטע אָנשיקעניש אויף דער מענטשהייט. אָבער פון זינט די געשיכטע קאָן פאַרצייכנען, זיינען מלחמות גאַנץ אָפטע ערשיינונגען, און ווייל מיר קאָנען זיי ניט אויסמיידן, דאַרפן מיר זיך צו זיי צוגעוואוינען, און צייטנווייז זיך אויך באַטייליקן מיטן אייגענעם ווילן, אויב די צייט פאָדערט דאָס פון אונז.**

סיידי: **לאָמיר זיך יעצט וועגן דעם ניט אריינלאָזן אין קיין דיס־קוסיעס. זאָגט מיר בעסער, וואָס אייערע עלטערן טוען. זי איז זייער א ליבליכע פרוי, אייער מוטער.** (זי גייט צו צום שרייב־טיש, באַטראַכט די פאָטאָגראַפיע).

באָרים: **אָט, זיי פאַרברייגען זייער צייט אין אַלטע דעראינע־רונגען.**

סיידי (קוקט אויף באָריסן, פאָרשענד): **און איר, באָריס, האָט שוין אין גאַנצן אָפּגעשניטן מיט אייער פאַרגאַנגענהייט? דערמאָנט**

איר זיך גאָר ניט אין אַמאָליקע צייטן... (זי זעצט זיך אוועק נעבן באַריסן).

באַרים: יעס סיידי, סע איז גאַנץ נאַטירלעך זיך צו דערמאָנען אין פארגאַנגענע צייטן. פיל אנגענעמע מאָמענטן, לעבן מיר דאמאָלסט נאָך אמאָל איבער אין אונזער זכרון...

הערריי (לייגט אַוועק די צייטונג): אויך א שיין ביסל אומאַנגע־נעמע עראינערונגען: ווי פּאָליצייסקי אָבלאַוועס, אָפּטע טורמעס, און קאָזאַצקע נאַגייקעס. און... (ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ טרויעריק)

רובי: דיר, הערריי, האָט זיך ווייזט אויס גוט איינגעקריצט אין זכרון די קאָזאַצקע נאַגייקעס. — קאָנסט אין זיי גאָר ניט פארגעסן!

הערריי: יאָ, רובי, מיר ליגט נאָך גוט אין טעם די קאָזאַצקע נאַגייקעס. איך קאָן נאָך דאַכט זיך, אויך יעצט אָפּציילן וויפיל נאַ־גייקעס איך האָב געקראַגן, יעדן מאָל, וואָס די פּאָליציי האָט מיך אַרעסטירט.

באַרים (זיפצט): יאָ, א סך שלעכטע צייטן האָבן מיר דורכ־געלעבט אין צאַרישן רוסלאַנד, און זיי מאַכן אונז גאַנץ אָפּטע באַזוכן אין אונזער זכרון...

אסתר: לאָמיר פארגעסן אין יענע אומגליקליכע צייטן וואָס קאָנען חוץ טרויער, ביי קיינעם פון אונז ניט ארויסרופן. עפנט אויף דעם בוך, הויבט אָן זינגען, אַלע העלפן מיט)

וואונדער שיינע בלויע הימלען
זאָגט מען, האָבן מיר.
נאָר די ערד דאָרט, אַ פאַרלאָזטע —
ניט באַארבעט איר.

פילע דורות לעער געשטאַנען,
וויסט צושטערט דאָס לאַנד.
שטעט און דערפער אָפּגעווישטע,
פון דעם שונא׳ס האַנט.

בעדואינער, מדבר שבטים,
וואַנדערן דאָרט אום.
פון שאקאַלן ווילדע קולות,
טראָגט זיך דאָרט אַרום.

און מיין זעלע, אַ פאַרבענקטע,
ציט צו יענעם לאַנד —
אויסגעוועבט אין צער מיט ליבע
מיסטיש אומבאַקאַנט.

גיס איך מיינע הייסע טרערן,
אייביק אויס פאַר איר.
מיר איז גרינג אויף יעדער קרבן,
אויף צו בויען איר.

אסתר (זינגט אין דער שטיל די ערשטע סטראָפן):
וואונדער שיינע בלויע הימלען —
זאָגט מען האָבן מיר.

(זי ווענדעט זיך צו באָריסן): **איז טאַקע אמת, באָריס, אַז די הימלען אין ארץ־ישראל זיינען אזוי וואונדער שיין, ווי אונזערע פּאָעטן באַזינגען זיי אין זייערע לידער?**

באָרים (נאָך א קורצן שוויגן): **יא שיינע הימלען אָדער ניט קיין שיינע הימלען. — דאָס לאַנד באַלאַנגט היסטאָריש צו אונז, און דערפאַר ליבן מיר דאָס און בענקען נאָך דעם. מיר דאַרפן אויך צייגן דער וועלט, אַז מיר זיינען גרייט ביי דער ערשטער געלעגנהייט זיך צו אָרגאַניזירן אין לעגיאָנען, און מיט וואפן אין די הענט אויסקעמפן אונזער רעכט אויף אונזער לאַנד. אַזאַ געלעגנהייט ווערט אונז יעצט געגבן פון דער ענגלישער רעגירונג, דורך דער באַלפור דעקלאַראַציע און וועלכע האָלט אויך אין שאַפן א אידישן לעגיאָן פאַר ארץ־ישראל. און מיר דאַרפן זיין גרייט, ביים ערשטן רוף זיך אָנצושליסן אין אים.**

רובי: דערווייל האַלט נאָך די אידעע פון א אידישן לעגיאָן, גאַנץ ווייט פון פאַרוויקלעכט צו ווערן. די רייכע אידן פון ענגלאַנד נוצן אויס זייער שטאַרקן איינפלוס אויף דער ענגלישער רעגירונג, ניט צו דערלאָזן צו דער גרינדונג פון אַזאַ לעגיאָן.

הערשי (אויפגערעגט): **דאָס וועט זיך זיי קיין מאָל ניט איינגעבן. דער ווילן פון פאָלק איז שטאַרקער, ווי די אינטריגעס פון עטלעכע**

רייכע אידן, וואָס ווילן שטערן יעדער נייע אונטערנעמונג, וואָס טראָגט אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישן כאַראַקטער.

סיידי: איך דענק, אַז די רייכע אידן אין ענגלאַנד, וואָס שטערן די גרינדונג פון א אידישן לעגיאָן, טוען דאָס מיט אַ גוטער אבזיכט... ווייל יענע יונגעלייט, וואס דארפן דינען, לויט די פאָדערונגען פון יע־דער רעגירונג, זיינען שוין לאנג אין די ארמייען און אויף די שלאַכט־פעלדער (אין אויפרעגונג) און די ווייניגע, וואָס זיינען געזעצליך באַ־רעכטיקט צו בלייבן אין דער היים, דאַרפן זיך אַליין ניט וואַרפן אין מלחמה־פייער, צוליב וועלכע מאָטיוון דאָס זאָל ניט זיין...

אסתר (לאַכט): דו האָסט מורא סיידי, אַז מיר וועלן דאָ בלייבן אָן יונגעלייט... זאָרג ניט! מיר וועלן גרינדן א אידישע אָפּטיילונג אין „רעד־קראָס״, און מיר וועלן מיטגיין מיט דעם אידישן לעגיאָן.

סיידי (אויפגערעגט): אסתר רעדט אזוי גלייכגילטיק פון לעגיאָן און מלחמה, אַזוי ווי סע וואָלט געווען א טעאַטער שפּיל...

אסתר (רעדט געלאַסן): איך וויס, סיידי, וואָס מלחמה מיינט. אָבער אויב זיי וועלן גיין, בין איך גרייט אויך מיטצוגיין...

הערררי (אַפּלאָדירט): בראַוואָ! אַזוי דאַרףריידן אַ אידישע טאָכ־טער, א ציוניסטין.

סיידי: איר מעגט אויך זאָגן: אַ נאַרישע ציוניסטין.

אסתר (גוטמוטיק): נאַריש צי קלוג, דאָס איז מיין ערנסטער וואונטש. און איך האָף, אז ווען די צייט וועט קומען, וועל איך מיין וואונטש דערפילן אָן שום צעגערונג...

רובי: דערווייל איז נאָך ניט זיכער, צי מען וועט גרינדן, דעם אידישן לעגיאָן, און די וואָס שטערן אים צו גרינדן, טוען דאָס אויך ניט בייזוויליק, נאָר זיי האָבן פּשוט מורא, טאָמער וועט זיך אונזער יוגנט, ניט ווי געהעריק אָפּרופן צו דעם אידישן לעגיאָן, און זיי ווילן אויסמיידן די שאַנדע פון א מעגלעכן דורכפאַל.

הערררי: איר קאָנט פיליכט געפינען זכותים אויף אייניגע, פאר זייער געגנערשאַפט צו גרינדן א אידישן לעגיאָן. די מערסטע פון זיי זיינען אָבער איינפאַכע אסימילאַטאָרן און זיי קאָנען ניט צוזען, אַז די אידישע יוגנט זאָל ארויסטרעטן אין עפנטלעכקייט, קעמפן פאראייניקט אונטער אן אייגענער פאָן. דאָס איז דער איינציקער מאָטיוו, וואָס מאַכט זיי שטערן די לעגיאָן באַוועגונג.

באַרים: די געגנערשאַפט פון די רייכע אידן צום לעגיאָן וועט אויפהערן, אזוי גיך ווי דער לעגיאָן וועט זיך נאָר גרינדן. זיי וועלן נאָך דאמאָלס דערפילן די נויטוועגדיקייט דעם לעגיאָן צו פאַרגרעסערן — די געגנערשאַפט אָבער וואָס מיר געפינען ביי פיינטלעך געשטימטע קריסטליכע מיטגלידער אין ענגלישן פּאַרלאַמענט, און אויך אין דער רעגירונג, אָט די געגנערשאַפט וועט ווערן פיל געפערלעכער פאַר אונז, ווי נאָר דער לעגיאָן וועט אָנפאַנגען פונקציאָנירן און ווערן אַקטיוו. און אָט קעגן דער געגנערשאַפט, וועלן מיר דארפן קעמפן אַ גאַנץ לאַנגע צייט.

סיידי: איך בין אינגאַנצן איינפאַרשטאַנען מיט יענע, וואָס שטערן, און דערלאָזן ניט גרינדן א אידישן לעגיאָן. און מיט מיין גאַנצן האַרצן ווינטש איך זיי ערפאָלג אין זייער באַמיאונג, ווייל זיי זיינען ערנסט און אויך איבערלעגט, ניט פאַרפירט פון פאַלשע האָפנונגען. (זי שמייכלט איראָניש) און אפשר האָט גאָר דער גייסט פון מלחמה אויך אָנגעשטעקט אונזערע ציוניסטן, און זיי ווילן זיך אויך שפּילן אין סאָלדאַטן, מיט אייגענע אָפיצערן און גענעראַלן?

באַרים (פילנדיק זיך באַליידיקט): איר האָט אַ טעות סיידי, מיר ווילן זיך ניט שפּילן אין סאָלדאַטן, און מיר זיינען אויך ניט בלוט־דורשטיק. מיר ווילן אָבער אויסנוצן די געלעגנהייט וואָס ווערט אונז איצט געגעבן, צו פאַרווירקלאַכן אונזער פאָלקס־חלום פון געגוייע צוויי טויזנט יאָר. און ניט וואַרטן ביז מען וועט אונז נעמען אויף די שלאַכט פעלדער, פון אלע אַנדערע פעלקער, וואו די גרעסטע צאָל פון אונזער יוגנט, פאַרגיסט שוין איצט איר בלוט אָן א זין און אָן א צוועק.

סיידי: באַרים, איר לייגט שוין צופיל געוויכט אויף א אידישן לעגיאָן, גלייך ווי דייטשלאַנד און טערקיי זיינען שוין אויף זיכער באַזיגט און אַלץ, וואָס עס איז נויטיק, איז א קאָנקרעטע רעכט אויף אונזער לאַנד.

באַרים: ווי דער אויסגאַנג פון מלחמה זאָל ניט זיין, וועלן מיר, אַלס באַטייליקטע אין דער מלחמה מיט אַן אייגענער ארמיי אויף ארץ ישראל־פראָנט, בלייבן שותפים צו די פאַראייניקטע פעלקער, און אלס אַזעלכע, וועלן זיי מוזן אַנערקענען אונזערע פאָדערונגען אויף ארץ־ישראל.

(ר׳ גדליה און ר׳ זלמן שטייען ביים טיר, הערן זיך צו צו דער דיסקוסיע)

ר׳ גדליה (פארביטערט און מיט שטאָלץ): אונזערע פאָדערונגען אויף ארץ ישראל זיינען באַרעכטיקט, ווייל מיר זיינען די יורשים פון אונזער לאַנד און וויפיל דורות עס זאָלן ניט פארגיין, וועט ארץ־ישראל נאָך אַלץ מוזן צוריקקערן אין אונזערע הענט. זיי האָבן געקאָנט ביי אונז צונעמען אונזערן א זון, און אים מאַכן פאר זייער גאָט, זיי האָבן ביי אונז געקאָנט צונעמען די בייבל און אריינשטעלן אין זייערע געבעט־ביכער. אָבער דאָס הייליקע לאַנד, ארץ ישראל וועט אויף אייביק מוזן געהערן צו אונז. גאָט אַליין האָט זי אונז געשאָנקן אויף אייביק — אָבער לעגיאָנען! — ארמייען צו שלאָגן זיך פאר ארץ ישראל איז ניט נויטיק.

באָרים: בלויז ביים איבערגיין דעם ים, ווען מען האָט געדארפט קעמפן מיט נאַטור קרעפטן, האָט גאָט געזאָגט צו די אידן, אז ער וועט פאר זיי מלחמה האַלטן. דאָרט וואו זיי האָבן אָבער באגעגנט מענטשלאכע כוחות, האָט ער זיי געהייסן נעמען די שווערד און גיין אין מלחמה מיטן שונא... יאָ! גאָט אַליין האָט געהייסן מלחמה האלטן פארן לאַנד...

ר׳ זלמן (פאַרטראַכט, טרויעריק): מען האָט שוין, דאכט זיך, אוועקגענומען אַלע אונזערע קריגס־פעאיקע יונגעלייט אין דער ארמיי. געבליבן זיינען בלויז די, וואָס זיינען געזעצלעך באַרעכטיקט צו בלייבן אין דער היים. ווילט איר, אַז אויך די, ווייניקע גליקלעכע, וואָס דער שיקזאַל אַליין האָט אויסגעהיט פון דעם גרויל פון מלחמה, זאָלן פריי־וויליק גיין אונטער דער פאָן פון א אידישן לעגיאָן? זיך פרייוויליק אריינוואַרפן אין גרויל פון מלחמה?

העררי: פאָלקס־פליכטן שטייען העכער פון אונזער אינדיווידועלן לעבן. און די פליכטן פאָדערן יעצט פון אונז אויפצוגעבן אונזערן אייגענעם „איך" און זיך איבערגעבן דעם קאַמף פארן פאָלקס גליק.

ר׳ גדליה (טרויעריק): דענקט איר ניט, אז מיר האָבן שוין מער ווי גענוג אידישע סאָלדאַטן אויף יעדן פראָנט? רעכנט אָקאָרשט צוזא־מען די צאָל אידישע סאָלדאַטן, וואָס יעדער רעגירונג שטעלט צו אויף איר חלק, וועט איר זען אז מיר אידן שטעלן צוזאמען, נאָך אונזער צאָל נאָך, די גרעסטע אַרמיי אין דער איצטיקער מלחמה?

באָרים: סע איז אמת, אז נאָך אונזער צאָל נאָך, גיבן מיר א

גרעסערן פּראָצענט סאָלדאַטן ווי יעדער אַנדער פֿאָלק. און אויף די שלאַכט־פעלדער צייכענען זיך די אידן אויס מיט זייער בראַוואָקייט ניט ווייניקער פון אַנדערע סאָלדאַטן, קריגן מיר דען דערפאַר אַנער־קענונג אַלס פאָלק? און ווען די צייט פון שלום וועט קומען, און פאַר־טרעטער פון אַלע פעלקער וועלן זיך צוזאַמען קומען צו שליכטן זייערע סכסוכים און יעדעס פאָלק וועט פאָדערן זיין רעכט, לויט דעם אַנטייל, וואָס ער האָט גענומען אין דער מלחמה, ווער וועט דאַמאָלס פאָדערן אונזער רעכט? ווער וועט דאַמאָלס פאָרברענגען די טענות פון אי־דישן פאָלק פארן וועלט טריבונאַל, און פאָדערן באַלוינונג פאַר די קרבנות, וואָס ער האָט געבראַכט צוליב דעם וועלט פרידן? יאָ, סע וועלן זיך מסתמא צווישן זיי געפינען אייניקע גוטע פריינט פון אידישן פאָלק, פאַרטרעטער פון מער ליבעראַלע רעגירונגען, וואָס וועלן פארוואַרפן א גוט וואָרט פאַר אונז ביי די שלום פאַרהאַנדלונגען און בעטן ביי די פעלקער חסדים פאר זייערע אידישע אונטערטאַנען — אַנוויזנדיק דערביי, ווי געטריי די אידישע סאָלדאַטן האָבן געדינט אין יעדער אר־מיי, דאַמאָלס וועלן מיר זיך פילן אביסל געשמייכלט. אָבער נאָך מער געקרענקט פון פאַרדרוס און שאַנד... פאַרדרוס: וואָס מיר האָבן אַזוי פיל בלוט פאַרגאָסן אומזיסט. און שאַנד: פאַר בעטלען חסדים פאַר אונז.

רובי: וואָס דער אויסגאַנג פון דער מלחמה זאָל ניט זיין, צו גונסטן אונזער פאָלק, צי ניט. זיכער איז אָבער, אַז די גרינדונג פון א אידישער ארמיי, וואָס זאָל זיך באַטייליקן אין דער מלחמה אויף דעם ארץ ישראל פראָנט, וועט מעגלעך מאַכן א אידישע פאַרטרעטערשאַפט ביים פרידנס־טיש, און וועט אָפּווישן די שאַנד פון שתדלנות און בעט־דעריי, אין אונזער לאַנגען גלות לעבן...

(פון דרויסן הערט מען אויסרופן): עקסטרא! עקסטרא!

„דזשואיש לידזשען אָרגעניזט"! עקסטרא! עקסטרא!

הערדי (לויפט אַרויס, ברענגט אַריין אַ צייטונג, לייענט פאָר):

די ענגלישע רעגירונג האָט באַוויליקט צו גרינדן א אידישן לעגיאָן, וואָס זאָל אָפּערירן אויפן ארץ ישראל פראָנט. אידישע יונגעלייט פון אלע פריינטלעכע לענדער, זיינען געבעטן זיך צו מעלדן.

(די צייטונג ווערט איבערגעגעבן פון איינעם צום צווייטן יעדער לייענט די נייעס מיט נייגעריקייט). (דבורה קומט אַריין, בלייבט שטיין ביים טיר נעבן גדליה׳ן, פאַרשטאַרט)

אסתר (מיט ענטוישונג): און וועגן אידישע נוירסעס, וואָס זאָלן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון „רעד־קראָס“ ביים אידישן לעגיאָן, ווערט גאָר ניט דערמאָנט אין ציטונג?

סיידי (מיט כעס): צו וואָס באַדאַרף מען ספּעציעל אידישע נוירסעס? ווען מען איז קראַנק, קלייבט מען ניט איבער פון וועמען צו קריגן הילף.

אסתר (גוטמוטיק): קיין צווייפל, אַז אין צייט פון נויט, טוען דאָקטוירים און נוירסעס זייער פליכט, אָן אונטערשייד פון ראַסע אָדער רעליגיע. סע איז אָבער אויך נויטיק, אַז ווען דער חולה פאַנגט אָן זיך בעסערן, זאָל ער זיך פילן אין א היימישער אַטמאָספערע, און קריגן פלעגע, פון געטרייע אידישע נוירסעס.

באָריס (ווי ער וואָלט זיך באַפרייט פון אַ שווערע לאַסט. הויבט זיך אויף פון שטול, עפנט ברייט פאַנאַנדער די אויגן, מיט אַ פעסטער שטי־מע): דער חלום פון אידישן פאָלק פאַר די רעכט אויף זיין לאַנד, פון וועלכן ער איז געגוויע צוויי טויזנט יאָר אָפּגעריסן, הויבט אָן פאַר־ווירקלעכט צו ווערן. דורך אונזער עפנטלעכן אַנטייל אין דער מלחמה אויף דעם ארץ ישראל באָדן, וועלן מיר קאָנען פאָדערן אונזער רעכט אויף אונזער לאַנד און די דאָזיקע רעכט וועט אונז אויך געגעבן ווערן דורך דער פאַרזיכערונג פון אַ וועלט טריבונאַל. ווען דער פרידן וועט קומען — איך שליס זיך אָן אין אידישן לעגיאָן. ווער פאָלגט נאָך?

(העררי און רובי רופן אויס אויפן קול): אויך איך שליס זיך אָן אין לעגיאָן! אויך איך שליס זיך אָן אין לעגיאָן. (זיי נעמען זיך ארום און קושן זיך)

דבורה (לויפט צו צו באָריסן, פאַלט אים אויפן האַלדז, קושט אים וויינט היסטעריש) מיין איינציקער זון, אויף וועמען לאָזטו אונז איבער אויף די עלטערע יאָרן?

באָריס (האַלט איר אַרומגענומען): דאָס איז דער ווילן פון דער צייט, האָב האָפנונג!...

ר׳ גדליה (הויבט אויף די הענט פרום און מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע): יאָ! דאָס איז דער ווילן פון זיין ליבן נאָמען, זאָל אייך גאָט שיצן!...

ר׳ זלמן (זיפצט): יאָ, יאָ, דער גאָט פון מלחמה שלעפּט אַלעמען אַריין אין זיין טיוול־שפּיל...

פאָרהאַנג פאַלט

דריטער אַקט

פּערזאָנען:

דעניעלס .... און ענגלענדער
דזשייקאָב .... אַ בראַזילער
ד״ר לעווין .... אַ שפּיטאָל דאָקטאָר
בנעיר .... אַ פּאַלעסטינער
באָריס און הערדי ....
דזשאָזעף .... אַ קענעדער
איסאַק .... אַ גרוזינער
מיס בלומענטאַל .... **נוירס**
ד״ר אייבראַמס ....
גענעראַל כייטאָר ....
קאָלאָנעל פּעטערסאָן ....

פּלאַץ פון האַנדלונג

אַ צימער אין מיליטערישן שפּיטאָל. ביי דער גרעניץ פון מצרים און ארץ־ישראל. צוויי שורות בעטן לענג אויס דעם צימער. ביים סאַמע אַריינגאַנג זיצט אַ נוירס פון רויטן „מגן־דוד" ביי אַ שרייב־טיש, שרייבט אַ רעפּאָרט פון די קראַנקע. ביי ענדע צימער אויף אַ בעט זיצן אַ גרופּע זעלנער האַלב אויסגעהיילט פון זייערע וואונדן, אָדער פון מאַלאַריא. פאַרטרייבן די צייט אין קאָרטן שפּיל. אויף איינינע בעטן זיצן זעלנער פאַרטיפט אין זשורנאַלן, אָדער ביכער. פון איין בעט, אַנטקעגן, הערט זיך אַ שוואַכער רוף: — וואַסער! די נוירס לייגט מאָמענטאַל אַוועק די פּעדער, דערלאַנגט פריש וואַסער צו קראַנקן. זי הויבט אויף אַביסל זיין קאָפּ, דער קראַנקער שלינגט אַראָפּ דאָס וואַסער, פאַלט צוריק אויפן קישן. די נוירס נעמט אָן דעם חולה ביים האַנט, פילט זיין דופק.

נוירם: איר פילט שוין פיל בעסער, באַריס, פּרואווט זיך אויפזעצן.

(זי באַטראַכט אים אַ ווײַלע, זי גייט צוריק צום שרייב־טיש, שרייבט איר רעפּאָרט).

(דעניעלס טאַשט איבער די קאָרטן)

בענעיר (באגלייט דעם שפּיל מיט אַ זעלנער ליד):

פון דעם קעמפ געשיקט צום שלאַכט,

אונטער קוילן, טאָג און נאַכט.

זעלנער כאָר:

א סאָלדאַט איז נאָר דער,

וואָס באַהעפט זיך צום געווער...

נוירם: ביטע, זינגט אַביסל שטילער.

דעניעלס (טײלט קאָרטן): איינס, צוויי, דריי! איינס, צוויי, דריי! איינס, צוויי, דריי, איינס צוויי, דריי!

דשאזעף: הע דעניעלס! מאַך נאָר ניט קיין טריקס, און טייל ריכטיק די קאָרטן...

דזשאָזעף (סאָרטירט די קאָרטן, רעכנט אויפן קול): הונדערט איז דאָך ניט מחויב צו זיין ערליכער פון זיין רעגירונג.

דזשאָזעף סאָרטירט די קאָרטן, רעכנט אויפן קול): הונדערט צוואַנציק, הונדערט פערציק, הונדערט פופציק. (לאַכט פארביטערט) דאָס, חברים, איז די סטראַטעגיע פון פּאָליטישן שפּיל: צוערשט מאַכט מען גוטע פארשפּרעכונגען, און ווי סע געלינגט זיי נאָר צו קריגן אייער סימפּאַטיע אויף זייער זייט„ הויבן זיי אייך אָן צו אינטריגירן, און צו־לעצט, טרעטן זיי אייך אויפן קאָפּ מיט די גרעסטע רשעות.

בנעיר (זינגט):

גראָב זיך איין טיף אין גריב —

אויב דאָס לעבן איז דיר ליב?

זעלנער אין כאָר:

א סאָלדאַט איז נאָר דער,

וואָס באַהעפט זיך צום געווער.

(הערדי לייגט אַוועק זיין בוך, גייט אַראָפּ פון בעט, ציט אויף זיך אַרויף דעם מאַרגן־כאַלאַט און שטעק־שיך, גייט צו צום קראַנקן בויגט זיך צו צו אים, לייגט צו זיין האַנט צום קראנקנ'ס שטערן, באַטראַכט אים א ווײַלע, ער לאָזט זיך גיין צו דער גרופּע, פילט זיך זייער נידערשלאָגן)

נוירם (קוקט אים נאָך אויפמערקזאַם) : הערדי, וואָס זייט איר אַזוי פארצווייפלט וועגן אייער פּריינט ? זיין וואונד איז שוין געגצליך פארהיילט, ער לייַדט בלויז פון אַ פּסיכישער ערשיטערונג, וואָס נעמט ביי אים אַוועק דעם אינטערעס צו אַלץ. ער וועט אָבער מיט דער צייט צוריק קומען צו זיין נאָרמאַלען צושטאַנד.

(הערדי שענקט ניט קיין אויפמערקזאַמקייט צו דער נוירסעס רייד, גייט צו צו דער גרופּע, זעצט זיך ביי א זייט, פאַרטיפט, טרויעריק)

בנעיר (שפּאַסט) : הערדי, ביי דער גרעניץ פון ארץ ישראל דאַרף מען ניט זיין טרויעריק — דאָס לאַנד קאָן דאָס ניט פאַרטראָגן...

איסאַק : הערדין מוז נאָך מסתמא זיין פריקרע אין נאָז פון דעם פולווער־רויך פון לעצטער שלאַכט, ביים אספאלט...

בנעיר (אין שפּאַס) : הערדי, אַ סאָלדאַט דאַרף קאָנען שמעקן פול־ווער !...

(הערדי פארטראַכט שענקט ניט קיין אויפמערקזאמקייט צו די באַמערקונגען)

דזשאָזעף (פאַרביטערט) : און דעם אַנטיסעמיטיזם פון גענעראַל־שטאַב דאַרף מען אויך קאָנען פארטראָגען ?

דזשייקאָב : ערשט פון גענעראַל־שטאַב דאַרף מען קאָנען פאַר־טראָגן, נאָך מער ווי אויפ'ן שלאַכט־פעלד...

דעניעלס (אין פאַרלעגנהייט) : איך וויל ניט ריין וואשן דעם גע־נעראַל־שטאַב אין זיין שלעכטער האַנדלונג צום אידישן לעגיאָן. איך מיין אָבער, אז איר טרייבט שוין צו פיל איבער.

דזשאָזעף (סאַרקאַסטיש) : וואָס קאָנט איר דערוואַרטן פון אן ענג־לישן בירגער ? (ער סאָרטירט די קאָרטן) נו, ווער שפּילט ?

איסאַק : הונדערט און צוואַנציק.

דזשייקאָבס : צוויי הונדערט און פופציק.

דעניעלס : צוויי הונדערט און זעכציק.

דזשאָזעף : דריי הונדערט און צוואַנציק.

דעניעלס : דריי הונדערט און פופציק (פאַרטראַכט) : וואַרט אַ ווײַלע. לאָמיך נאָך אַמאָל איבער רעכנען מיינע קאָרטן.

איסאַק (סאַרקאַסטיש): לאָזט אים רעכנען. דעניעלס איז דאָך אַן ענגלענדער, מוזט איר וויסן. ער מוז זיין פּינקטלעך.

דזשאָזעף: נאַ, דעניעלס, שפּיל, נאָר ערלעך. ניט ווי דיין רעגירונג מיט אירע פאַרדאַמטע גענעראַלן.

איסאַק (לאַכט): איר וועט באַלד איינרעדן דעניעלס'ן, אַז ער אַלס ענגלישער בירגער, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער האַנדלונג פון אירע בעאַמטע.

דעניעלס (לייגט אַרויס די קאָרטן): איך דענק, אַז די רעגירונג אין לאָנדאָן, הויבט גאָר ניט אָן צו וויסן פון די אַלע אומרעכטן, וואָס דער גענעראַל־שטאַב באַגייט דאָ געגן די אידישע באַטאַליאָנען.

בנעיר (זינגט):

שפּיאַניר דעם שונא אין דער שטיל,
אונטער שראַפּנעל, גרייך דיין ציל.

זעלנער אין כאָר:

אַ סאָלדאַט איז נאָר דער,
וואָס באַהעפט זיך צום געווער.

הערערי (קוקט אויף דער גרופּע פאַרביטערט): געגוג איך שוין צו זינגען די נאַרישע סאָלדאַטסקע לידלעך. סע עקלט שוין איינפאַך אָפּ פון זיי... (ער בלייבט זיצן לעבן דער גרופּע פאַרטראַכט).

בנעיר (לאַכט גוטמוטיק): אַ זעלנער, ליבער הערערי, דאַרף ניט נאָר קאָנען שמעקן פּולווער, נאָר ער דאַרף זיך אויך קאָנען צוגעוואוינען צום גאַנצן זעלנער לעבן, און אפילו גלייכגילטיק זיין צו די געזאַנגען וואָס באַזינגען די שלאַכט, מיט אַלע אירע רעזולטאַטן... דערפאַר, ווען סע וועט געשלאָסען ווערן דער פרידן, און מיר וועלן זיך צוריק קערן צו אונזערע פעלדער, בויען אונזער צוקונפט מיט דעם אַקער און גראַב־אייזן, וועלן מיר דאַמאָלס, אָט די פערזן פון טויט און פאַרניכטונג, פאַרוואַנד־לען אין געזאַנג פון אַרבעט און פרייד.

דזשאָזעף: מיט וואָס זיינען מיר זיכער, אַז די ענגלישע רעגירונג וועט אונז אויך דאַמאָלס ניט באַטריגן? אַז זי וועט אונז ניט מאַכן אַזעל־כע שוועריקייטן, איבער וועלכע סע וועט זיין אוממעגלעך צו בויען דאָס לאַנד, פאַר וועלכן מיר האָבן פרייוויליק אַזוי פיל קרבנות געבראַכט, דאָס לאַנד צו באַפרייען? — אויף דער ענגלישער רעגירונג איז אַלץ צו גלויבן!

דעניעלס (מיט שטאָלץ): ענגלאַנד וועט קיינמאָל ניט צוריק ציען איר פאַרשפּרעכן, וואָס זי האָט אַזוי פייערלעך געגעבן צום אידישן פאָלק, דורך דער באַלפור דעקלאַראַציע, צו העלפן אונז אויפבויען אונזער „נאַציאָנאַלע היים" אין ארץ ישראל.

הערריי (גיט אַן איראָנישן שמייכל): באַלפור און זיינע מיטהעלפער קאָנען זיך, מעגלאַך זיין גאַנץ ערנסט, אין זייער פאַרשפּרעכן צום אידישן פאָלק, אים העלפן זיך צוריק קערן קיין ארץ ישראל, און צוריק אויפבויען זיין אלט-נייע היים-לאַנד. אָבער די ענגלישע רעגי-רונג, אַלס אַ גאַנצע, דאַכט זיך, קוקט אומפּריינטלעך אויף דער גאַנצער באַוועגונג און האָפנונג פון אידישן פאָלק, אויף ארץ ישראל. סע זעט אויס, ווי סע וואָלט איר געווען דערווידער די גאַנצע שפּיל, פון דער „באַלפור דעקלאַראַציע"...

דעניעלס (שפּרינגט אויף מיט כעס): אויף וועלכע פאַקטן באַזירט איר אייערע שלעכטע מיינונגען וועגן דער ענגלישער רעגירונג?

הערריי (מיט דער זעלבער איראָניע): מען קאָן דאָך זען אין דער האַלטונג פון גענעראַל-שטאַב. ווען די גענעראַלן וואָלטן פילן, אַז די רעגירונג אין לאָנדאָן איז ערנסט מיט איר פאַרשפּרעכן, וואָלטן זיי דאָ געפירט גאָר אַ גאַנץ אַנדערע פּאָליטיק בנוגע די אידישע באַטאַליאָנען...

דעניעלס: איר קענט אָבער ניט אָננעמען פאַר אַ ביישפּיל דעם היגן גענעראַל-שטאַב, וואו ס'געפינען זיך צופעליק עטלעכע אנטי-סעמיטישע גענעראַלן.

הערריי (פאַרביטערט): צופעליק, זאָגט איר? בעת דער גענעראַל-שטאַב איז דורך און דורך אנטיסעמיטיש!..

דעניעלס (איבערצייגט): יאָ! צופעליק, זאָג איך, ווייל מיר האָבן דאָך אויך גוטע בעאַמטע אין גענעראַל-שטאַב. אָט נעמט פאַר אַ בייש-פּיל אונזער קאָלאָנעל, פּעטערסאָן. איז ער ניט איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן, אַז די אידישע באַטאַליאָנען זאָלן זיך אויסצייכנען אין די אויגן פון דער גאַנצער וועלט?

הערריי (מיט באַדויער): אָרימער, גוטער מענטש!... ער וועט שפּעטער אויסגעפינען, אונזער גוטער קאָלאָנעל, וויפיל ער וועט דאַרפן ליידן פאַר זיין ערלעכקייט — אָבער וויפיל האָט איר איבערהויפּט, אַזעל-כע מענטשן? איר קאָנט זיי דאָך ציילן אויף די פינגער, צווישן די

גרויסע מאַסע אידן־פּיינטלעכע גענעראַלן און בעאַמטע אין דעם היגן גע־נעראַל־שטאַב.

(די שפּיל ווערט היציקער, די נוירס טראָגט צו אויף אַ טאַץ מעדעצין אין גלעזלעך, מיט אַ נומער פאַר יעדן באַזונדער. חברה טרינקען די מעדעצין בעת זיי שפּילן, באַדאַנקן די נוירס) תודה תודה

הערדי (שמייכלט ניט ווילנדיק): פריילין, איר שלאָגט זיי איבער אזא אינטערעסאַנטע גיים.

נוירס: ניט געפערלעך! זאָלן זיי פאַרברענגען. זיי וועלן קיין קאָרטן שפּילער דאָ אין שפּיטאָל ניט ווערן — סע וואָלט אפילו ניט שאַטן, ווען איר, וואָלט אויך נעמען אַנטייל אין שפּיל און זיך אביסל צו־שטרייען.

הערדי (סאַרקאַסטיש): און אויך העלפן מיטזינגען אָט די נאַרישע לידלעך, פון טויט און פאַרניכטונג?

נוירס: איר דאַרפט וויסן, הערדי, אַז בּנעיר איז געווען א „שומר" אין ארץ ישראל, שטענדיק מיט דער ביקס אויפן אקסל, גרייט צו באַגעגנען א פלוצמדיקן אָנפאַל פון נאַכט־רויבער, מיט וועלכע דאָס לאַנד איז ליידער, דערווייילע נאָך גענוג פול, און דערפאר זינגט ער אזוי גלייכגילטיק פון געפאַר און טויט, אָבער ער איז ווייט פון זיין בלוט־דורשטיק. (זי גיט בּנעירן א דאָזע מעדעצין)

איסאַק (לאַכט): פריילין בלומענטאַל, איר וועט אים גאָר אי־בערפירן זיין שטימע מיט אייער מעדיצין, און ווער וועט אונז דאַמאָלס אונטערהאַלטן מיט אַזעלכע שיינע לידער?...

בּנעיר (טרינקט די מעדעצין, באַדאַנקט די נוירס): תודה! (ער זינגט)

דעם שונא'ס זעלנער שלאָג צום טויט,
זיך צו רעטן טרייבט די נויט.
אַ סאָלדאַט איז נאָר דער,
וואָס באַהעפט זיך צום געווער.

הערדי: א גליק אויף דיר, בּנעיר, דו ביזט א גוטער סאָלדאַט!

איסאַק (לאַכט): און אויך אַ נאַרישער סאָלדאַט: ער טראָגט א געראַניעטן זעלנער פון שלאַכט־פעלד, און כאַפּט אין איין וועגס אַליין אריין א קויל...

בנעיר: חכם איינער! ווי אזוי קאָנסטו זיך אויסהיטן פון א קויל, ווען דו טראָגסט א גראַניעטן זעלנער און איבער דיר רעגנט מיט שראַפּנעלן?

איסאַק: איך טראָג דעם גראַניעטן אויף די פּלייצעס און אויב סע פליען איבער אונז קוילן, זאָל ער זיי קריגן, ניט איך... (אַלע לאַכן)

דזשאָזעף: אַן אָריגינעלער איינפאַל חבר, שיק אים אָוועק קיין לאָנדאָן נאָך אַ פּעטענט...

(די נוירס טראָגט צו מעדעצין צו באָריסעס בעט. הערריי פאָלגט איר נאָך, העלפט איר געבן באָריסן די מעדעצין)

איסאַק (רופט הערריין): **הערריי קום אַהער, נעם אויך אַ האַנט.**

נוירס: גייט הערריי, גייט. נעמט אויך אַנטייל אין אַ געים. א מענטש מוז דאָך אַמאָל האָבן אביסל צושטרייאונג!

הערריי (פאַרביטערט): **צושטרייאונג, ווען א פריינט ליגט אקעגן אין אזא לאַגע? און ווען מען פילט דעם גאַנצן טראַגיזם פון דעם לעגיאָן אַלס אַן אומזיניקע אַוואַנטורע צוליב א פאַרשפּרעכן, וואָס איז געווען פאַלש גלייך פון אָנפאַנג?**

דזשאָזעף (שפּאַסט): **הערריי מוז נאָך מסתמא פילן די נאַגייקעס, וואָס דער גענעראַל האָט אַראָפּגעלאָזט אויף זיינע פּלייצעס.** (צו איסאַקן) **דו, איסאַק, האָסט דאָך דאַמאָלס אויך פאַרזוכט דעם טעם פון דעם גע־נעראַל'ס נאַגייקע אויף דיינע פּלייצעס.**

איסאַק (טרויעריק): **יאָ, דזשאָזעף, צום באַדויערן... איך געדענק זיי נאָך גאַנץ גוט.**

הערריי (אויפגערעגט, לאָזט זיך גיין צו דער גרופּע): **ניט אויף די פּלייצעס, חברים, פיל איך דעם טעם פון דער נאַגייקע, נאָר אין האַרצן, אין האַרצן וויל זיך דער ווייטאָק ניט איינשטילן...**

דעניעלס: דער גענעראַל האָט זיך דאָך ענטשולדיקט פאַר אייך, און האָט אויך ביים גאַנצן באַטאַליאָן דערנאָך געבעטן אנטשולדיקונג.

איסאַק (לאַכט): **דער גענעראַל האָט אויסגעקוקט ביים בעטן פאַר־צייאונג, ווי א הונט דורכגעווייקט אין רעגן.**

(אַלע לאַכן פון דעם געלונגענעם וויץ).

הערריי (פאַרביטערט) **זיין אַנטשולדיקונג איז ניט געווען קיין אויס־**

דרוק פון חרטה אויף זיינע טאַטן! נאָר צוליב דער מורא פאַר א עפנטלעכן סקאַנדאַל, וואָס איז כמעט געווען אומפאַרמיידלעך. אָבער וואָלט דען מעגלעך געווען, אַז אַ גענעראַל זאָל זיך אָן שום אורזאַך, אריין רייטן אין אונזער באַטאַליאָן, און בלויז אויס וואוילטאָג, זיך פריי באַנוצן מיט זיין נאַגייקע אויף אונזערע פלייצעס, ווען דער גענעראַל שטאַב וואָלט ניט זיין פארפעסטעט מיט אַנטיסעמיטיזם? פון דאָרט ווערט דאָך די גאַנצע אַרמיי אָנגעשטעקט מיט א שרעקליכן אידן־האַס, וואָס טראָגט זיך דערנאָך אַריבער אויך צו דער באַפעלקערונג.

דזשאָזעף (לאַכט): דו מאַכסט א גאַנצן ווענן פון דעם וואָס אַ לייכטזיניקן גענעראַל, האָט זיך פארוואָלט שפּילן די ראָלע פון אַמאַליקן פריץ מיטן בער...

הערריי (אויפגערעגט) דזשאָזעף, דו שפּאַסט איבער דעם אינציִדענט? האָט דאָס זעלנער־לעבן שוין אזוי פיל פארטעמפּט אין דיר דיין מענטשן ווירדע, וואָס דו ביסט אזוי גלייכגילטיק צו אַזאַ באַנעמונג פון אַ גענעראַל?...

דזשאָזעף (ערנסט): ניין חבר, מיר אַלע טראָגן דעם זעלבן פאַרדרוס מיט דיר צוגלייך. אָבער דאָס איז דאָך אַ נול, אין פאַרגלייך מיט די אַלע נידערטרעכטיגע מעשים זייערע. וואָס זיי זיינען באַגאַנגען, אום אונז צו פּראָוואָצירן, כדי אונז שפּעטער צו פארשווארצן אין די אויגן פון דער עפנטלעכקייט.

איסאַק (סאַרקאַסטיש): רעדט ניט אַזוי שאַרף געגן די גענעראַלן אין דעניעלס אַנוועזנהייט. איר וועט דערמיט אַנטרעטן אויף זיינע פּאַטריאָטישע הינער־אויגן, און דאָס טוט דאָך וויי.

דעניעלס: האָט דאָך דער גענעראַל־שטאַב, וועלכן איר האַלט פאַר אַ נעסט פון אנטיסעמיטיזם, צוגעשיקט אַ דאַנק בריוו צו אונזער קאַפּלאַנעל, פול מיט לויב פאַר צוויי חברים פון אונזער קאָמפּאַניע, וואָס זיינען פרייוויליק געגאנגען אין דער פינצטער זוכן אונזערן אַן אָפיצער, ווען מיר האָבן פאַרלוירן ביי א שלאַכט מיט דעם שונא׳ס א פאַרפּאָסטן,

הערריי (פאַרביטערט): און איז אויך די פּראָוואָקאַציע ביי „שכם” געווען א „באַלוינונג” פאַר אונזער טראָגן שטיינער ארויף אַ באַרג צו בויען שוץ־ווענט, אז כדי דאָס ענגלישע מיליטער זאָל זיך קאָנען שיצן קעגן שונא׳ס פייער? די אַרבעט איז געווען א לעבנס געפערלעכע,

אונזערע קליידער זיינען פון דער אַרבעט צעפאַלן געוואָרן אויף שטי־
קער. דאָך האָט מען אונז אויף אונזער דרינגענדן פאַרלאַנג, קיין אַנ־
דערע קליידער ניט געגעבן, כאָטש אין די מאַגאַזינען איז געווען גענוג
קליידער, אַ גאַנצע ארמיי סאָלדאַטן צו באַקליידן. דאָס איז געטאָן געוואָרן
מיט א כיון כדי צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז דער אידישער לעגיאָן
באַשטייט פון אַ שמוציקע, אָפּגעלאָזטע באַנדע. בלויז דורך דער באַמי־
אונג פון אונזער קאַלאָנעל, איז אונז געלונגען צו קריגן קליידער פון
דערבייאיקן אויסטראַלישן באַטאַליאָן, און מיר האָבן ווידער געקראָגן
דעם אויסזען פון מענטשן. אָבער וויפיל שאַנד און פאַרדרוס האָבן מיר
געליטן ביז מיר האָבן געקראָגן די קליידער?

בנעיר (זיפצט): יאָ, יאָ, חברים! ערשט מיט א קורצער צייט צוריק
האָט געהערשט אַזוי פיל פרייד איבערן „ישוב", וואו מען איז געגאַנ־
גען, האָט מען נאָר געהערט רעדן וועגן אידישן לעגיאָן. מען האָט דער־
ווארטעט, אַז אַ גאַנצע אידישע אַרמיי זאָל קומען איינעמען ארץ ישראל.
די פאָלקס־פאַנטאַזיע (פון צוויי טויזנט יאָר) פאַר דערלייזונג, האָט זיך
גאָר צעשפילט, ווען די אידישע דעלעגאַציע איז אָנגעקומען אין באַגליי־
טונג פון רעגירונגס בעאַמטע. מען האָט דאָך די גאולה ממש געפילט
אין דער לופט. די גאסן זיינען געווען פול מיט יובל געשריי. יונג און
אַלט האָבן ארויסגעטראָגן זייער פרייד אין גאַס און איצט איז דורך
דער פיינטלעכער האַלטונג פון גענעראַל־שטאַב, אַלץ צעשטערט. אַלע
אילוזיעס פארשוואונדן...

איסאַק (מיט פאַטאָס): מיר דארפן ניט ווערן אַזוי ענטוישט, חברים,
איבער עטלעכע פיינטלעכע גענעראַלן, וואָס זוכן אונז צו טאָן שלעכטס.
פיל גרעסערע שונאים פון זיי האָבן מיר שוין איבערגעלעבט און ארויס
די זיגער. און מיט ענגלאַנד וועלן מיר אויך ניט פאַרלירן.. דער עיקר:
— מיר דארפן יעדע אַרבעט אויפן פראָנט טאָן ערנהאַפט. זיך אויסצייכ־
נען טראָץ אַלע פּראָוואָקאַציעס פון גענעראַל־שטאַב, כדי ביים שליסן
פרידן, זאָלן אונזערע פירער, מיט שטאָלץ און מיט אָפענע אויגן קענען
פאָדערן פולע רעכט אויף אונזער לאַנד...

הערצי (טרויעריק): אָרימע, אָפּגעגבאַרטע מענטשן! ווען ענגלאַנד
האָט געדאַרפט די מאָראַלע שטיצע פון אידישן פאָלק, האָט זי אים
צוגעזאָגט אָפּגעבן ארץ־ישראל. ווען זי וואָלט זיך שטאַרק נויטיקן אין
אונזער פיזישער הילף, וואָלט זי אויך געשאַפן א אידישע אַרמיי פארן

ארץ ישראל פּראַנט. און אַזאַ אַרמיי צו שאַפן וואָלט איר אויך גאַנץ גרינג אָנגעקומען. א אידישע אַרמיי, וואָלט אָבער אויך געמיינט באַפעסטיקן אידן אין ארץ ישראל. און דאָס האָט זיך דער ענגלישער רעגירונג שוין ניט געלוינט. צוזאָגן — יאָ. אָבער טאָן — דאָס ניט און דערפאַר אַזוי פיל שטערונג. אפילו א אידישע בריגאַדע פון די אידישע באַטאַליאָנען, האָבן זיי ניט געלאָזט שאַפן. דערפאַר האָבן זיי אונז איבער געגעבן דעם שווערסטן פונקט צו פאַרטיידיקן — די מלעחיי, די אַמאַליקע סדום — אַ פלאַץ איבער צוועלף הונדערט פוס נידעריקער פון דעם ים פלאַך, מיט אַ שמאָלער ריטשקע ביטערע וואַסער, פול מיט זומפּן אַרום, פאַרפּעסטעט מיט מאַלעריע, וואָס קאָן אין אַ קורצער צייט אומברייננגען גאַנצע אַרמייען. דאָרט האָט מען אונז געהאַלטן איבער צוויי מאָנאַטן אָן איבערבייט. אין די הייסע זומער מאָנאַטן, פון וואַנען בעדואינער, געוואוינט צום קלימאַט, לויפן אוועק און לאָזן איבער אַלץ אויף הפקר. איז דאָס ניט געטאָן געוואָרן מיט א כיוון, צו פאַטערן אונזערע באַטאַליאָנען? און אַ דאַנק דעם, ליגט מער ווי אַ העלפט פון אונזערע באַטאַליאָנען דאָ אין שפּיטאָל, קראַנק אויף מאַלעריע.

דזשאָזעף (טרויעריק): שיינע עטלעכע צענדליקע סאָלדאַטן האָבן מיר אויך דאָרטן פאַרלוירן דורך טערקישן פייער.

הערשי: צו דעם זיינען מיר געווען גרייט. זיגן, אָדער פאַלן אין שלאַכט. אָבער אונז איינשפּאַרן אין א „דיטש" פאַר מאָנאַטן לאַנג, כדי אונז אומצוברענגען דורך מאַלעריע? אך! ווי גרויזאַם און פאַרברעכעריש!

איסאַק (מיט פרייד): מיר קאָנען מיט שטאָלץ אָנצייגן, אַז מיר האָבן מוטיק אויסגעהאַלטן, בראַוו געקעמפט און געמאַכט פריי דעם „עמק" פאַר דער ענגלישער אַרמיי.

דזשאַזעף (מיט פאַרדרוס): יאָ, בראַוו געקעמפט! מוטיק אויסגעהאַלטן! אָבער, איז בלויז אין דעם אונזער באַפרידיקונג?.. און קאָנען מיר דען גלייכגילטיק אַראָפּשלינגען יעדע באַליידיקונג און יעדע פּראָוואָצירענדע האַנדלונג פון גענעראַל-שטאַב?

(סע קומט אריין ד"ר אייבראַמס, ספּעציאַליסטין אויף פּסיכישע קראַנקהייטן, אין באַגלייטונג פון ד"ר לעווין).

ד"ר לעווין (שטעלט פאָר ד"ר אייבראַמס פאַר דער נוירס) באַקענט

זיך: ד״ר אייבראַמס קומט ניט לאַנג פון לאָנדאָן. פריילין בלומענטאַל — אונזער נוירס.

ד״ר אייבראַמס: מיך פרייט אייער באַקאַנטשאַפט, פריילין בלומענטאַל. מיר האָבן זער פיל געהערט וועגן דער איבערגעבנקייט פון די „מגן דוד״ נוירסעס, צו העלפן די קראַנקע לעגיאָנערן... לאָמיר האָפן, אַז אונטער אייער אויפזיכט וועלן זיי אלע אויסגעהיילט ווערן.

נוירס: מיר טוען בלויז אונזער פליכט, ניט איינשטעלנדיק דערביי אונזערע לעבנס, ווערענד זיי, די לעגיאָנערן, זיינען זיך מפקיר צוליב זייער אידעאַל.

ד״ר לעווין: ניט אונטערצושעצן די העלדישקייט פון די סאָלדאַטן פון אַנדערע באַטאַליאָנען, מוז אָבער מיט באַוואונדערונג, פעסטגעשטעלט ווערן, ווי העלדיש און דיסציפּלינירט אונזערע לעגיאָנערן האַלטן זיך אין שלאַכט, און ווי עקשנות׳דיג זיי פירן אָן אַ קאַמף. אין קיין פאַל טרעטן זיי ניט צוריק. אפילו פאר דעם גרעסטן פייער.

(ד״ר לעווין נעמט אָן ד״ר אייבראַמס ביים אָרעם, פירט זי צו צו דער גרופּע, שטעלט איר פאָר): ד״ר אייבראַמס און דאָס זיינען אונזערע לעגיאָנערן, אַלע בראַווע זעלנער... יעדער איינער פון זיי וועט קריגן אַן אויסצייכנונגס מעדאל פון גענעראַל־שטאַב פאַר זייערע העלדישע אויפטואונגען אויפן שלאַכט־פעלד.

ד״ר אייבראַמס (שמייכלט): און א האַרצלעכן דאנק פון אידישן פאָלק.

הערצי: דער דאַנק פון אידישן פאָלק איז אונז זייער טייער, ווייל ער קומט צוזאַמען מיט אַ טיפן וואונטש פאַר די זעלבע אינטערעסן, וואָס האָבן אונז געבראַכט אויף די שלאַכט־פעלדער קיין ארץ־ישראל.

ד״ר לעווין (באַזאָרגט): און די מעדאלן פאר אייערע העלדענטאַטן האָבן ביי אייך גאָר קיין שום ווערט ניט?

איסאַק: די מעדאַלן, וואָס זיי וועלן אונז געבן וועט ניט פאַרדעקן די אַלע איבלען און רשעות, וואָס דער גענעראַל־שטאַב איז קעגן אונז באַגאַנגען.

(אַ באַדינער קומט אַריין אין וואַרד)

באַדינער: אַ קאָמיסיע פון גענעראַל־שטאַב קומט באַזוכן דעם וואַרד.

ד״ר לעווין (שמייכלט גוטמוטיק): אין שפּיטאָל דאַרף מען זיך ניט פאַרפּוצן צוליב דעם כבוד פון גענעראַל־שטאַב. זיי קאָנען גלייך אַריינקומען (באַדינער אָפּ).

(סע קומען אַריין גענעראַל כייטאר און קאָלאָנעל פּעטערסאָן)

גענ. כייטאר (באַגריסנדיק זיך מיט ד״ר לעווין): וואָס מאַכן אייערע חולאים? בעסערן זיי זיך?

ד״ר לעווין (שפּאַסט): זיי וועלן אין גיכן זיין פּאַסיק פאַר א נייעם שטאַרקן אָנגריף אויפן שונא. (ער רייכט העגט מיט קאָלאָנעל פּעטערסאָן) איי, הער קאָלאָנעל, זעלנער!.. זיי ציט צום פראָנט! (ער לאַכט).

פּעטערסאָן (לאַכט): יאַ, די יונגען אייערע, זיי שרעקט ניט קיין פייער.

ד״ר לעווין: באַקאָנט זיך מיט אונזער גאַסט ד״ר אייבראַמס. גע־נעראַל כייטאר און קאָלאָנעל פּעטערסאָן.

גענ. כייטאר (רייכט האַנט מיט ד״ר אייבראַמס): מיר איז זייער אָנגענעם אייער באַקאַנטשאַפט ד״ר אייבראַמס.

ד״ר אייבראַמס: אויך מיר פרייט זייער פיל אייער באַקאַנטשאַפט, הער גענעראַל.

פּעטערסאָן (באַגריסט זיך פריידיק): שלום! ד״ר אייבראַמס. (לאַכט) ניט ווייניק שרעק האָט איר געמוזט דורכמאַכן אויף אייער רייזע צום ארץ ישראל פראָנט.

ד״ר אייבראַמס (ענטפערנדיק די באַגריסונג, שמייכלט): פליכט באַזייטיקט שרעק, הער קאָלאָנעל... איבעריגענס זיינען מיר שוין צוגעוואוינט צום געפאַר, וואָס לויערט איצט כמעט איבער אַלע וועלט טיילן.

גענ. כייטאר (באַוואונדערט): אויב איך בין ריכטיק אינפאָרמירט, זענט איר ערשט נעכטן, נאָך א שווערע ים רייזע, אָנגעקומען פון לאָנדאָן, און שוין זענט איר פאַרנומען אין שפּיטאָל, ביי די חולאים. איר וואָלט געדאַרפט זיך מער אויסרוען, נאָך אַזאַ שווערע ים רייזע.

ד״ר אייבראַמס (דרייסט): אין אַזא צייט ווען די שפּיטעלער זיינען פול מיט קראַנקע און פאַרוואונדעטע, דאַרפן דאָקטוירים זיך איילן מיט זייער הילף, צו ראַטעווען לעבענס, ניט ווינציקער, ווי קרי־גער יאָגן זיך צו פאַרניכטן לעבנס...

פּעטערסאָן (מיט זיין שטענדיקן שמייכל): סע איז אמת, אז אונ־זער פארניכטענדע ארבעט אויף די שלאכט־פעלדער איז ניט אזא גע־הויבענע מיסיע. מיר ווילן אָבער דורך דער איצטיקער מלחמה פאר־זיכערן דעם פרידן פאר דער צוקונפט, און דאָס וועט זיין די גרעסטע דערגרייכונג פאר דער מענטשהייט.

ד״ר אייבראמס (לאַכט): יאָ, דער דאָזיקער געדאַנק איז איצט זייער פּאָפּולער אין אַלע לענדער — אָבער סע פאָדערט זיך ערשט צו מאַכן איבער אים אַ פסיכיש־פּאָליטישן אַנאַליז צו באַגרינדן זיין ווערט, און אויך זיין באַרעכטיקונג.

גענ. כייטאר (לאכט פריי): אַנאַליזירן די ווערט, אָדער די רעכט, פון דער מלחמה, ווען מיר איבערלאָזן אויף שפּעטער, פאר דער פרידנס צייט. דאָ ביים פראָנט, עקזיסטירט פאר אונז בלויז איין מאָטאָ: פאר־ניכט דעם שונא. און שיס וואָס מער פון אים, איידער דער שונא שיסט דיך. יאָ, ד״ר אייבראַמס, אָט די דאָזיקע מאָטאָ איז זייער וויכטיק צו געדענקען ביים פראָנט. איז וויכטיקער פון יעדער אַנדערער מאָראַל (ער ווענדט זיך צום קאָלאָנעל פּעטערסאָן) ווער, הער קאָלאָנעל, לאָמיר דורכפירן אונזער מיסיע און אויסטיילן די מעדאלן, צו די לעגיאָנערן, טייערע יונגעלייט. אַלע אויסגעצייכנטע זעלנער, טריי, און ערנהאַפט אין זייער פליכט.

(די זעלנער האָבן אויפגעהערט שפּילן. אייניקע האָבן געוואָרפן די קאָרטן אויפן בעט. אַנדערע זיינען געבליבן זיצן מיט די קאָרטן אין די הענט, זיך איינהערנדיק צו די רייד פון די לעצטע. הערריי הויבט זיך אויף פון זיין פּלאַץ, גלייכט זיך אויס ווי צום מושטירן, מאַכט אַ צוויי טריט פאָראויס)

הערריי (זיין שטימע העל און אויפגערעגט): און ווייל מיר זיינען ערנסט צו אונזער פליכט, דערפאר באַהאַנדלט אונז דער גענעראַל־שטאַב אַזוי מיאוס? איר געדענקט דאָך, הער גענעראַל, דעם פאַקט מיט די קליידער ביים אספאַלט, ווען דער אויסטראַליער פּאָלק וואָלט אונז ניט געקומען צו הילף, וואָלטן מיר נאָך איצט אויסגעזען, ווי שלעפּערס, אין צעריסענע טראַנטעס, וואָס זיינען אויף אונז צעריסן געוואָרן בעת מיר האָבן געבויט די שטיינערנע ווענט פאר דעם ענגלישן מיליטער, זיך צו שיצן פון טערקישן פייער.

גענ. כייטאר (גייט צו נענטער צו דער גרופּע, גוטמוטיק): מיר

קומען אין שליחות פון גענעראַל־שטאַב, אייך צו באַדאַנקען, און אייך אויסטיילן מעדאַלן פאַר אייער העלדישן קאַמף אויפן פראָנט.

הערדי (נאָך אַ קורצן נאָכדענקען): איך האָף, הער גענעראַל, אַז איר וועט מיין האַנדלונג ניט אָננעמען אַלס אַ באַלײדיקונג, אָדער אומ־דאַנקבאַרקייט צו אייך פּערזענלעך, ווען איך וועל צוריקווייזן דעם גע־נעראַל־שטאַב זייער מעדאַל.

דעניעלס (שפּרינגט אויף פון זיין פּלאַץ אין שרעק): הערדי!

הערדי (פאַרכאַפּט גוטמוטיק): באַרואיק זיך דעניעלס! דו אַלס ענגלישער בירגער, קאָנסט אָננעמען זייער מעדאַל אַלס באַלוינונג. איך האָף אָבער, אַז אַלע אַנדערע חברים, וועלן מיר נאָכפאָלגן, און צוריק־ווייזן די מעדאַלן. הערדי ווענדט זיך צו דער קאָמיטע) אונז האָט געלאָקט דער צוזאָג פון דער ענגלישער רעגירונג, אַז זי וועט דעם אידישן פאָלק צוריק אָפּגעבן ארץ ישראל. דערפאַר האָבן מיר זיך אָנגעשלאָסן אין אידישן לעגיאָן, העלפן באַפרייען דאָס לאַנד. אָבער דעם דאָזיקן גלויבן האָט דער גענעראַל־שטאַב צושטערט דורך זיינע פּיינטלעכע, און אָפּט פאַרברעכערישע האַנדלונגען, וואָס האָבן געצילט אונז צו פאַרניכטן. און איצט וויל דער גענעראַל־שטאַב, דורך אזא ביליקן זשעסט, ווי אויסטיילן אונז מעדאַלן, פאַרגלעטן זיין געפאַלנקייט.

גענ. כייטאַר: מעדאַלן, קאָנען אייך אויך ברענגען פּערזענלעכע נוצן, און וואָס וועט איר געווינען, אַז איר וועט שוין דיסקרעדיטירן דעם גענעראַל־שטאַב מיט אייער צוריקווייזן די מעדאַלן?...

הערדי (אויפגערעגט): יאָ, דיסקרעדיטירן! דאָס וואָס מיר ווילן הער גענעראַל. זאָלן זיי אין גענעראַל־שטאַב כאָטש פילן זייער שאַנד...

גענ. כייטאַר (צו דעניעלס, זוכנדיק צווישן די מעדאַלן): דו דע־ניעלס, ענטזאָגסט זיך דאָך ניט צו נעמען דיין פאַרדינטן מעדאַל.

דעניעלס (נאָך אַ קורצער איבערלעגונג): איך שטיי ניט אָפּ פון מיינע חברים, מיט וועלכע איך האָב זייט ביי זייט געקעמפט קעגן שונא.

(גענעראַל כייטער קוקט זיך איבער מיט קאָלאָנעל פּעטערסאָן)

פּעטערסאָן (מיט אַ צופרידענעם אויסדרוק צו גענ. כייטאַר): זייער איצטיקע האַנדלונג, האַלט איך פאַר זייער גרעסטן מאָראַלישן זיג איבער דעם גענעראַל־שטאַב. גיט איבער דעם דאָזיקן פּראָטעסט זייערן צום גענעראַל־שטאַב, אזוי שטאַרק ווי סע איז נאָר מעגלעך, און

זאָלן זיי דאָרט אין גענעראַל־שטאַב, ניט נאָר בלויז וויסן, וואָס די לעג־יאָנערן דענקען וועגן זיי, נאָר זאָלן זיי אויך וויסן, וואָס פאַר אַ בראַווע זעלנער זיי האָבן געהאַט אין אידישן לעגיאָן און האָבן זיי מיסהאַנדלט.

גענ. כייטאר (נאָכדענקענד) : וועל, קאָלאָנעל. אונזער מיסיע איז געענדיקט. מיר קאָנען שוין גיין. (זיי געזעגענען זיך מיט די דאָקטוי־רים).

גענ. כייטאר (דערלאַנגט זיין האַנט צו ד״ר אייבראַמס) : „גוט ביי״ ד״ר אייבראַמס. איך ווינטש, אַז אייער מי דאָ אין שפּיטאָל, צו היילן די קראַנקע און פאַרוואונדעטע, זאָל געקרוינט זיין מיט דערפאָלג.

ד״ר אייבראַמס (שמייכלט) : אַ שיינעם דאַנק הער גענעראַל — אָבער אַ חוץ אונזער מי צו היילן די קראַנקע, וועלכע איז די פליכט פון אונזער פּראָפעסיע, איז מיין וואונטש, אַז די מעדיצין זאָל זיך מער ניט דאַרפן פאַרמעסטן, גוט צו מאַכן דאָס וואָס די וויסנשאַפט צעשטערט, דורך דער מאָדערנער פירונג פון קריג.

פּעטערסאָן (געזעגנט זיך מיט ד״ר אייבראַמס, לאַכט פריידיק)): „גוט ביי״, ד״ר אייבראַמס, מיט מיין גאַנצן האַרצן שטיץ איך אייערע פּאַסיפיסטישע וואונטשן.

ד״ר אייבראַמס (לאַכט) : ענדלעך זע איך כאָטש איין קריגער, וואָס בענקט נאָך פרידן...

גענ. כייטאר (שמייכלנדיק) : דערווייל, האַלטן מיר נאָך זייער ווייט פון דער געטליכער נבואה, וואָס האָט אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, אַזוי שיין אָפּגעקלונגען איבער די בערג פון יהודה: — „און איר זאָלט צעשטויסן אייערע שווערדן אויף שנייד־מעסערס, און פון אייערע שפּיזן, זאָלט איר מאַכן אַקער־אייזנס״. אַי, ליבע דאָקטאָרין, מיר האָבן נאָך גאַנץ לאַנג צו וואַרטן ביז יענע געטליכע נבואה וועט מקוים ווערן. (ער געזעגנט זיך מיט ד״ר לעווין) : „גוט ביי״ ד״ר לעווין. (לאַכט גוטמוטיק) : זעט, איר זאָלט גוט באַהאַנדלען די יונגען, זיי זיינען זייער קריגעריש אין זייער קריטיק.

ד״ר לעווין: דער גענעראַל־שטאַב האָט געמוזט באַגיין גענוג עולות קעגן זיי, וואָס האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַזויפיל פאַרביטערונג. סע איז נאָר פאַרדראָסיק, וואָס יענע גענעראַלן זיינען דאָ נישטאָ, און קריגן ניט פערזענלעך דעם פאַרדינטן פּאַטש אין פּנים...

פּעטערסאָן (לאַכט געשמאַק): אי, ביי יענע גענעראַלן האָבן די קעפּ ניט אויסגעטריקנט. זיי ווייסן וואוהין ניט צו גיין. (ער געזעגנט זיך מיט ד״ר לעווין): „גוד ביי״ ד״ר לעווין.

ד״ר לעווין: גוד ביי, גוד ביי הער קאָלאָנעל.

(זיי געזעגענען זיך מיט דער נוירס)

פּעטערסאָן: אייער אַרבעט אין שפּיטאָל איז געוויס די וויכטיקס־טע און די רעגירונג וואָלט אייך געדאַרפט באַפרידיקן.

נוירס: אַ דאַנק, הער קאָלאָנעל. אין מיין אַרבעט געפין איך מיין באַפרידיקונג.

(גענעראַל כייטער און קאָל. פּעטערסאָן געזעגענען זיך מיט די לעגיאָנערן): שלום, שלום חברים.

לעגיאָנערן: שלום, שלום אדונים.

(גענ. כייטאר און קאָל. פּעטערסאָן גייען אָפּ. אין וואָרד הערשט אַ פּיינלעכע שטימונג)

ד״ר אייבראַמס (אין פאַרלעגנהייט): ווי איך זע, פילט איר זיך זייער פאַרביטערט קעגן גענעראַל־שטאַב.

הערזי (אויפגערעגט): פאַרביטערט!.. סע איז נישטאָ קיין ווער־טער אויסצודריקן אונזער האַס צו דעם אַנטיסעמיטישן געזינדל, וואָס האָט געזוכט יעדע מעגליכקייט אונז צו פּראָוואָצירן, כדי דערמיט צו שעדיקן די אידישע האָפנונג אויף ארץ ישראל. און ווען זיי איז ניט געלונגען אונזער עקשנות׳דיקע סבלנות צו ברעכן, האָבן זיי אויך אָנ־גענומען פאַרברעכערישע מיטלען אונזערע באַטאַליאָנען אינגאַנצן אוועקצופּאַטערן.

ד״ר אייבראַמס: צום באַדויערן איז דער גענעראַל־שטאַב אין ארץ ישראל ניט דער איינציקער רעגירונגס אַפּאַראַט, וואָס איז פאַר־פּעסטעט מיט אידן האַס.

(אום איבערצורייסן די פּיינלעכע שטימונג, נעמט ד״ר לעווין אָן ד״ר אייבראַמס אָרעם)

ד״ר לעווין: קומט ד״ר אייבראַמס, באַטראַכטן מיין פּאַציענט, וועמענס קראַנקהייט איז אזוי אומפאַרשטענדלעך. (ער גייט מיט איר צו צו באַריסעס בעט)

ד״ר אייבראַמס (נעמט אָן באַריסן ביים האַנט. זי קוקט זיך איין אין זיין געזיכט, און ווערט אומרוהיק. זי בויגט זיך צו צום טאַפּל וואָס הענגט ביים חולה צוקאָפּנס, לייענט מיט שרעק): קעפּטען באַריס ראַ־

זענבלאַט, 39 באַטאַליאָן, אידישער לעגיאָן, אַמעריקאַנער בירגער, געבוירן אין רוסלאַנד (זי פאַרלירט איר גלײַכגעװיכט. ד״ר לעװין כאַפּט איר אונטער, זעצט זי אין שטול)

ד״ר לעװין (אין שרעק): **איר פילט ניט גוט ד״ר אײבראַמס?**

ד״ר אײבראַמס (נאָך אַ קורצער פּויזע): **באַאומרואיקט אײַך ניט ד״ר לעװין. סע װעט איבערגײן.** (צו דער נוירס): **אַביסל פריש װאַסער, פּליז.**

(די נוירס ברענגט אַרײַן אַ גלאָז פריש װאַסער. ד״ר אײבראַמס טרינקט אָפּ אַביסל, רוט זיך אָפּ אַ װײַלע).

ד״ר לעװין (באַזאָרגט): **פילט איר בעסער, ד״ר אײבראַמס?**

ד״ר אײבראַמס (נאָך אַ קורצן נאָכדענקען): **אַ דאַנק ד״ר, איך פיל איצט פיל בעסער.** (זי הױבט זיך אױף פון שטול, עקזאַמינירט זאָרגפול דעם קראַנקן. זי באַראַט זיך מיט ד״ר לעװין, שרײַבט אָן אַ מעדיצין, גיט אים צו דער נוירס): **פּליז, מיס בלומענטאַל, ברענגט מיר די מעדיצין.**

(זי פאַלט װידער צוריק אין שטול פאַרטראַכט)

ד״ר לעװין: איר פילט װידער שלעכט, ד״ר אײבראַמס?

ד״ר אײבראַמס: באַאומרואיקט אײַך ניט ד״ר לעװין. (נאָכדענקענדיק): **זעט ד״ר װי דער צופאַל פירט: איר האָט מיך גערופן צו באַטראַכטן אײערן אַ פּאַציענט, און איך האָב געפונען מײַן בעסטן יוגענט־פרײַנט, מיט װעלכן דער שיקזאַל האָט אונז מיט יאָרן צוריק פונאַנדערגעטײלט ניט לאָזנדיק קײן שפּור פון אײנעם צום אַנדערן.** (זי נעמט אַרױס אַ טיכל, װישט אױס די טרערן פון אירע אױגן) **האָט איר ד״ר געפּרואװט אַרױסרופן בײַם חולה אַן ערינערונג צו עפּעס אַ װיכטיק געשעעניש אין זײַן לעבן כּדי צו דערמאָנען אים אין עפּעס װאָס איז בײַ אים געװען זײער טײַער?**

ד״ר לעװין: מיר האָבן געטאָן פאַרשידענס, אָבער אָן ערפאָלג. זײַן פרײַנט, הערדי האָט שױן אױך געפּרואװט אים דערמאָנען אין אײניקע עפּיזאָדן פון זײַן יוגנט. ער האָט אָבער ניט אַרױסגעװיזן קײן שום אינטערעס אײַנצוהערן זיך צו אים.

ד״ר אײבראַמס (קוקט זיך אַרום פאַרװאונדערט): **זײַן פרײַנט הערדי?**

הערשי (גייט צו נאָענט קוקט זיך איין אין ד"ר אייבראַמס, רופט אויס שטוינענד): **ראָזע אבראַמאָוויטש!?**

ד"ר אייבראַמס: יאַ, הערשי, ראָזע אבראַמאָוויטש.

הערשי: ראָזע אבראַמאָוויטש, בארימט אַלס ד"ר אייבראַמס. אַך, וואָס פאַר אַ גליקליכער צופאַל! אפשר וועט איך געלינגען צוריק ברענגען באָריסן צו זיין נאָרמאַלן צושטאַנד?!

(די נוירס ברענגט אריין די מעדיצין. ד"ר אייבראַמס מיט דער הילף פון דער נוירס גיט באָריסן די מעדיצין. זי קוקט זיך איין אויפמערקזאַם אויף דער ווירקונג וואָס די מעדיצין מאַכט אויפן חולה)

ד"ר אייבראַמס (זיך ווענדענדיק צו ד"ר לעווין): **ד"ר לעווין, איר וועט זיין אַזוי גוט, און מיר לאָזן מיט דעם חולה אַליין אויף אַ ווײַלע?**

ד"ר לעווין (פאַרנייגט זיך): **געוויס ד"ר אייבראַמס.** (ער גייט אַפּ אין א זייט, די נוירס פאָלגט נאָך, שמייכלענדיק, הערשי לאָזט זיך אויך אוועקגיין)

ד"ר אייבראַמס (צו הערשין): **דו הערשי, בלייב דאָ.** (זי לייגט אַרויף די האַנט אויף באָריסעס שטערן, בויגט זיך צו גאַנץ נאָענט צו אים, באַטראַכט אים א ווײַלע, הויבט אָן זינגען שטיל, איר שטימע קלינגט טרויעריק)

אויף אַ שטראַל פון זונען ליכט,
געלייטערט אין דעם מאָרגן טוי.
לאָז איך מיין זעלע שוועבן הויך
אין דעם לעערן הימל בלוי.

(באָריס עפנט די אויגן, הערט זיך איין. ד"ר אייבראַמס זינגט ווייטער)

איך זוך דאָרט דעם סוד פון לעבן —
זיסע טרוימען, פאַלשעס גליק.
איך בויע שלעסער אין דער לופטן,
און איך צעוואָרף זיי מיט איין בליק...

באָריס (ערוואַכט, קוקט זיך אַרום): **ראָזע, איז דאָס אַ חלום? צי הער איך ווירקלעך דיין זיסע שטימע?** (ער פרואווט זיך אויפהויבן)

ד"ר אייבראַמס (העלפט אים זיך אויפהויבן): **יאָ, באָריס, איך ראָזע, שטיי נעבן דיר. שטאַרק זיך!** (זי גיט אים טרינקן פריש וואַסער)

באַרים (רייבט זיך די אויגן) : **ראָזע, זע איך דיך אויף אַן אמת? צי מיין פאַנטאַזיע נאַרט מיך בלויז?** (ער ציט צו איר האַנט צו זיין ברוסט, דריקט זי צו זיך)

הערדי (ליגט אַרויף זיין האַנט אויף באַריסעס אַקסל) : **באַריס, דער גוטער צופאַל האָט געבראַכט דיין ראָזע צו דיר אין צייט, שטאַרק זיך און ווער געזונט.**

באַרים : **א, הערדי, אויך דו ביסט דאָ אין שפּיטאַל?** (ער טוט אַ שווערן זיפץ) **יאָ, יאָ!** (ער ציט צו ראָזעס האַנט צו זיינע ליפּן, קושט איר האַנט) (ער וויינט)

ד״ר אייבראַמס (דריקט אים צו זיך) : **באַריס באַרואיק זיך, גע־נוג געוויינט.**

באַרים (מאַכט אַ פאַרזוך אַראָפּצוגיין פון בעט, זיך אָנהאַלטנדיק אָן ד״ר אייבראַמס).

ד״ר לעווין (קומט ווידער צו, באַטראַכטן באַריסן) : **דערלויבט מיר אייך צו גראַטולירן, ד״ר אייבראַמס פאַר אייערע אָנגעווענדונגען. די רעזולטאַטען זיינען איינפאַך שטוינענד.**

באַרים (קוקט זיך איין אין ראָזעס געזיכט, בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ טרויעריק) : ראָזע, **האָסט געביטן דיין נאָמען?**

ד״ר אייבראַמס (נעמט אים ארום, שמייכלט) : **באַריס, די זעלבע ראָזע אַבראַמאָוויטש. בלויז אויס באַקוועמלעכקייט פאַר דער פּראָפעסיע, האָב איך געביטן מיין נאָמען אויף אייבראַמס...**

באַרים : **אָבער ווי קומסטו אהער קיין ארץ ישראל!? און וואו ביסטו געווען די גאַנצע צייט זינט דער בייזער שיקזאַל האָט אונז צעשיידט?**

ד״ר אייבראַמס : **אַן ענלעכער צופאַל ווי מיט אייך, האָט אויך מיט אונז פּאַסירט. מיר האָבן אויסגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד און דאָרט געמאַכט אונזער היים.** (פאַרטראַכט טרויעריק) **יאָ, באַריס, מיר האָבן דורכגעמאַכט אלע שרעקלעכע דערפאַרונגען אין יענעם יאָמער־טאָל, אונטער דער צאַרישער הערשאַפט.** (פון דרויסן הערט מען שפּילן מוזיק מיט פריילעכע אויסרופן): **„פרידן איז געשלאָסן, פרידן איז געשלאָסן!** (אלע ווענדן זייערע בליקן צו די פענצטער. חברים וואַרפן אַוועק די קאַרטן, לויפן צו צו די פענצטער, כאַפּן זיך ארום קושן, אויסרופנדיק אין עקסטאַז) : **הידד! הידד! פרידן איז געשלאָסן, פרידן איז געשלאָסן!**

דעניעלס (כאַפּט אַלעמען אַרום קושן. ער לויפט אויך צו צו הערריין): וואָס שטייסטו ווי א ברוגז׳ער מחותן אויף אַ חתונה? דו בענקסט אפשר נאָך דעם פּולווער רויך ביים אספּאַלט? אָדער נאָך די מאַלאַריע זומפּן? (ער וויל אים ארומכאַפּן קושן)

הערריי (האַלט אים צוריק, אויפגערעגט): פאַר דיר דעניעלס, אלס ענגלישער בירגער, האָט ענגלאַנד געוואונען, און דו קאָנסט זיך פרייען מיטן שלום. פאַר מיר אָבער, פילנדיק ווי מיאוס די ענגלישע רעגירונג האָט אונז „אָפּגענאַרט״, מיט איר צוזאָג, אונז אָפּצוגעבן ארץ ישראל, האָט דער שלום קיין שום ווערט ניט.

דעניעלס (לאַכט גוטמוטיק): יאָ הערריי, ביי דיר האָט זיך דער יאוש שוין צופיל איינגעבירגערט... (ער לאָזט זיך גיין צום פענצטער פון וואַנען די מוזיק קלאַנגען הערן זיך).

באָרים (אָנהאַלטנדיק זיך אָן ד״ר אייבראַמס, הויבט אויף זיין רעכטע האַנט, און מיט אַ שוואַכע שטימע, וואָס ווערט שטאַרקער מיט יעדן וואָרט): פאַר ענגלאַנד איז די מלחמה אין ארץ ישראל שוין געוואונען, אָבער פאַר אונזער פאָלק, וואָס האָט פאַר גאַנצע צוויי טויזנט יאָר ניט אויפגעהערט צו בענקען נאָך ארץ ישראל, צוליב וועלכן מיר זיינען, אויף ענגלאַנדס רוף, פרייוויליק געגאַנגען פאַרגיסן אונזער בלוט, צו העלפן דאָס לאַנד באַפרייען, האָט זיך די מלחמה נאָך ניט געענדיקט. מיר וועלן נאָך האָבן גענוג צו קעמפן מיט פיינטלעכע גרופּעס, וואָס האָט זיך געשאַפן אין דער ענגלישער רעגירונג, קעגן דער באַלפור דעקלאַראַציע. יאָ, חברים! אונזער קאַמף וועט זיין אַ שווערער און דויערנדער. אַ קאַמף אָן אַרמייען און אָן געווער, נאָר דורך אַרבעט און אויפקלערונג. מיר וועלן אָבער דעם קאַמף פאַר אונזער רעכט אויף ארץ ישראל ניט אויפגעבן, ביז מיר וועלן אים דערפירן צו אַן ענדלעכן זיג.

פאָרהאַנג פאַלט

(פון ווייט הערט זיך נאָך שוואַכע קלאַנגען פון מוזיק)